STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08608

DI KUNST FUN REDN

E. Mus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. מוס

די קונסט פון רעדן

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע

ע. מוס

די קונסט פון רעדן

פארלאג קולטור-ליגע, ווארשע

Printed in Poland

E. Mus — Di kunst fun reden

געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן

Wyd. „Kultur-Liga", Warszawa 1929

Druk. „Di Welt" Warszawa Nowolipie 7

I.

רעדנער־קונסט אמאָל און היינט.

„גוט רעדן איז וויכטיקער ווי גוט
טון“. — אָסקאַר ואיילד.

די רעדנער־קונסט איז זייער אַלט. שוין באַם וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור טרעפן מיר אָן דייטלעכע שפּורן פון איר. אָבער מיר קלויבן זיך נישט צו שרייבן די געשיכטע פון רעטאָריק, אָדער צו געבן אַ רשימה פון אַלע אַמאָליקע און היינטיקע רעדנער. מיר ווילן בלויז בקיצור, אין אַלגעמיינע שטריכן, אָנווייזן אויף די הויפּט־עטאַפּן פון דערדאָזיקער קונסט. ממילא, וועט אויסקומען צו דערמאַנען נעמען פון אייניקע מער באַדייטנ־דיקע רעדנער.

שוין אין דער ווייטער יידישער פאַרגאַנגענהייט געפינען מיר אַ גרויסע פּלעיאַדע גלענצנדיקע רעדנער. דאָס זענען די נ ב י א י ם, וועלכע דאָס פאָלק האָט געקרוינט מיטן נאָמען „נביאי האמת והצדק“ — קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט! די נביאים זענען אָבער געווען נישט בלויז קעמפער — אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די אָרימע מאַסן, וואָס זענען מיט דער גרעס־טער מסירת־נפש אַרויסגעטרעטן קעגן די רייכע און שטאַרקע. זיי זענען געווען נישט בלויז אָריגינעלע פּערזענלעכקייטן מיט טיפן פּאַטאָס פון גלויבן אין זייער געטלעכער מיסיע. די נביאים זענען געווען אויך גרויסע ר ע ד נ ע ר. אין זייער כוח־הדיבור איז געלעגן דער סוד פון זייער ווירקונג. און כאַראַקטעריסטיש: יעדער נביא

האָט גערעדט מיט זיין אייגן לשון, געשאַפן זיין אייגענעם סטיל. נישט אומזיסט זאָגט דער תּלמוד: „אין שני נביאים מתנבאים בסיגנון אחד" — נישטאָ קיין צוויי נביאים, וואָס זאָלן רעדן מיטן זעלבן נוסח. אָבער פונדעסטוועגן — איז פאָרט בײַ אַלע נביאים, ווי פאַר־שידנאַרטיק זיי זענען נישט געווען, פאַרהאַן געמיינזאַמע שטריכן, אַ בשותּפותדיקער טאָן, וואָס פאַראייניקט זיי אַלע, וואָס טיילט אויס זייער אופן רעדן אין אַ באַזונדער מין, באַקאַנט אין דער געשיכטע פון רעדנער־קונסט אונטערן נאָמען „נביאישער סטיל".

אָבער — אַ מאָדנע זאַך! נישט געקוקט דערויף, וואָס יידן האָבן אַזוי פרי שוין פאַרמאָגט אַזעלכע אויסערגעוויינטלעכע רעד־נער, ווי די נביאים, האָט פונדעסטוועגן בײַ זיי קיינמאָל נישט עק־זיסטירט אַ ספּעציעלער לימוד פון רעדן. קיינמאָל זענען בײַ יידן נישט געווען קיין ספּעציעלע שולן, אַנשטאַלטן, ווו מ'זאָל לערנען די קונסט פון רעדן. פּאַר אַ געוויסן פּרווו אין דער ריכטונג קאָן מען אפשר רעכענען די אַזויגערופענע „להקת הנביאים"*), מיט זיי־ערע תּלמידים, וואָס פלעגן זיך רופן „בני הנביאים" — אַ מין אָנ־הייב פון אַ סטודיע פאַר רעטאָריק. אָבער דער פּרווו האָט זיך נישט אָנגענומען און זיך נישט אַנטוויקלט.

דערפאַר בײַ אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אין יענע אַלטע צייטן געהערט צו דער א. ג. ציוויליזירטער וועלט, טרעפן מיר זייער פיל ספּעציעלע שול־אַנשטאַלטן, — ווו דער באַרימטער רעדנער האָט מיט הונדערטער תּלמידים געלערנט, זיי צוגעוויינט און דער־צויגן פאַר רעדנער. און נישט נאָר תּורה שבעל פּה איז עס געווען: דיקע ביכער און טראַקטאַטן פלעגן באַשרייבן און באַגרינדן די כּללים פון עפנטלעכן רעדן. אַזוי אַרום פלעגט די קונסט פון רעדן נישט אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיטן רעדנער — נאָר זיך איבערגעבן פון דור צו דור. אַזוי אַרום פלעגט די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פאַרוואַנדלט ווערן אין רעדנער־קולטור, אין רעדנער־טראַדיציעס — וואָס ווערן נאָך היינט שטודירט און געניצט.

*) געגרינדעט דורך שמואל הנביא.

צוויי פעלקער האָבן זיך באַזונדערס אויך בעצייכנט אויף דעם געביט און אויף לאַנגע דורות זיך קונה שם געווען מיט זייערע רעדנער־טאַלענטן: די אַמאָליקע גריכן און רוימער. ווי הויך די רעדנער־קונסט איז געווע אַנטוויקלט אין אַמאָליקן גריכנלאַנד, איז צו זען דערפון, וואָס דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטע־לעס האָט מיט קרוב 2500 יאָר צוריק אָנגעשריבן זיין באַרימט ווערק וועגן קינסט פון רעדן, די „רעטאָריק". די צוויי גרעסטע רעדנער, וועגן וועלכע ס'דערציילט אונז די געשיכטע און וועלכע זענען נאָך עד היום געבליבן אַ מוסטער פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך ווידמען דעם רעדנערישן באַרוף, זענען געווען דער גריך דעמאָסטענעס און דער רוימער ציצעראָן. נישט איינמאָל וועט אונז נאָך אויסקומען דידאָזיקע גרויסע מייסטער פון וואָרט צו דער־מאָנען אין אונזער אַרבעט.

די סיבה, פאַרוואָס גראָד באַ דידאָזיקע פעלקער האָט זיך די רעדנער־קונסט אַזוי פונאַנדערגעבליט, — איז נישט שווער צו פאַרשטיין. דערמאָנט אייך נאָר דאָס בילד פון אַמאָליקן גריכנ־לאַנד, פון אַטען, פונוואַנען עס שטאַמען טאַקע די באַרימטסטע רעדנער: אַ פריי פאָלק, אָן מאָנאַרכן און אָן אַ שטענדיק מיליטער, אָן ביוראָקראַטן און אָן באַשטימטע ריכטער — אַ פאָלק, וואָס פאַר־וואַלטעט אַליין מיט אַלע זיינע ענינים, וואָס משפט אַליין אַלע זיינע פאַרברעכער, וואָס דריקט אויס זיין ווילן נישט דורך גע־ווײלטע פאַרטרעטער, נאָר בוכשטעבלעך אַליין, אויף אַלגעמיינע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען — צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן גינסטיקערע, בעסערע באַדינגונגען פאַרן רעדנער און פאַרן רעד־נער־באַרוף? מלחמה אָדער שלום, פרייהייט אָדער שקלאַפעריי, דאָס גליק פון גאַנצן פאָלק און דאָס פאַרמעגן פון יעדן בירגער — אַלץ איז דאָך געווען אָפּהענגיק פונם אוממיטלבאַרן פאָלקס־באַ־שלוס, אונטערן אוממיטלבאַרן איינפלוס פון די אויסגעהערטע רע־דעס! דער כוח פון רעדנער איז געווען אַ געוואַלטיקער, ער פלעגט מיט זיין צויבער־קראַפט באַגייסטערן די צוהערער, געווי־נען די צושטימונג פון פאָלק. דער רעדנער־באַרוף איז דעריבער בעהאַלטן געוואָרן זייער הויך, קיין שום אַנדער טאַלאַנט האָט נישט

געקאַנט פֿאַרשאַפֿן אַזאַ אָנזען, אַזאַ אַכטונג, אַזאַ אַלגעמיינע ליבע, ווי די קונסט פֿון רעדן. איז דען אַ וווּנדער, וואָס דערדאַזיקער באַרוף איז געוואָרן אַזוי קולטיווירט, וואָס מען האָט אַזוי פֿלייסיק געשטודירט און געלערנט די קונסט פֿון רעדן?

אָן אומגעהייערע מאַכט איז אין יענע צייטן געלעגן אין די הענט פֿון באַליבטן פֿאָלקס-טריבון. ער איז געווען דער פֿירער, דער דעה-זאָגער אין גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אָבער צוזאַמען מיט דער מאַכט — סאַראַ געוואַלטיקע אחריות! וויסן, אַז טויזנטער לעבנס זענען אָפּהענגיק פֿון דיין וואָרט, אַז טויזנטער מענטשן זענען גרייט זיך אָנפֿאַרטרויען דיין עצה! מוז מען זיין גוט אויס-גערעכנט מיט יעדן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, מוז מען צען מאָל וועגן און מעסטן יעדע אַרויסגעזאָגטע מיינונג. נאָר מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן און מיט אַ גרויסן פֿלאַמענדיקן אידעאַל אין האַרץ — פֿלעגן געוויינטלעך נעמען אויף זיך אַזאַ לאַסט. ס'איז דערום נישט קיין ווונדער, וואָס די גרויסע רעדנער פֿון יענער צייט זע-נען גלייכצייטיק געווען בכלל גרויסע מענטשן!

אין מיטלאַלטער האָט זיך אויף הונדערטער יאָרן אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פֿון פֿרייען מענטשלעכן געדאַנק — און צוזאַמען דערמיט אויך די אַנטוויקלונג פֿון פֿרייען מענטשלעכן וואָרט. די קונסט פֿון רעדן איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און ווי אַלטער נישט ברויכבאַרער כּלי-זין זיך געוואַלגערט און גע-זשאַווערט אין די טונקעלע מויערן פֿון די קלויסטערס.

אין די צייטן פֿון פֿינצטערן מיטלאַלטער איז די רעדנער-קונסט באַנוצט געוואָרן בלויז באַם באַגלייטן דעם גוף פֿון זינדיקן מענטש אויף יענער וועלט — אין דער פֿאָרם פֿון הספּדים; באַ-נוצט געוואָרן דורכן קלויסטער-פּריידיקער, כּדי צו „ראַטעווען" די נשמה פֿון פֿאָלק; אָדער ענדלעך דורך די דעמאָלסטיקע יוריסטן, וואָס פֿלעגן האַלטן אין די פֿינצטערע געריכט-זאַלן געקינצלטע סאָפֿיסטישע רעדעס, וועלכע זענען געווען אַקוראַט אַזוי ענלעך צו די דרייסטע אַרויסטרעטונגען פֿון די רעדנער פֿון דער אַנטיקער וועלט, ווי ענלעך ס'זענען די מנהגים און דער גאַנצער לעבנס-סדר פֿון מיטלאַלטער צום לעבנס-שטייגער פֿון אַמאָליקן אַטען!

די רענעסאַנס־עפּאָכע האָט אויך די קונסט פון רעדן אײַפּ־געוועקט פון טיפן שלאָף. אָבער ערשט ווען עס באַווײַזט זיך אויף דער פּאָליטישער אַרענע דער א. ג. דריטער שטאַנד, ווען דאָס לעבן ווערט באַהערשט דורך דער גרויסער ווירטשאַפטלעכער ר'־וואָלוציע פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, ווען ס'הייבט זיך אָן אַ ווײַז־גײַיענדיקע דעמאָקראַטיזאַציע פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטיש לעבן, (די פּאַרלאַמענטאַרישע מלוכה־פאָרם,) — ערשט דאַן באַ־קומט די אַנטוויקלונג פון דער רעדנער־קונסט אַ מעכטיקן שטויס פאָרויס, איר באַדײַטונג וואַקסט כסדר, זי לעבט איבער אַ נײַעם אויפבלי.

אָבער באַם גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, וואָס די רעדנער־קונסט האָט דערגרייכט אין אונזערע צײַטן — קאָן זי זיך דאָך נישט צו־ריק דערהייבן צו דער באַדײַטונג, וואָס זי האָט געהאַט אַמאָל. די סיבה איז אַ פּשוטע: אין דער אַנטיקער וועלט איז די קונסט פון רעדן געווען דאָס איינציקע מיטל צו באַאײַנפלוסן די ברייטע פאָלקס־שיכטן, צו שאַפן די א. ג. געזעלשאַפטלעכע מיינונג. היינט אָבער האָט די רעדנער־קונסט אַ מעכטיקן קאָנקורענט: דאָס איז די טעגלעכע פּרעסע, די צענדליקער מיליאָנען צײַטונגען, וואָס ווערן יעדן טאָג געלייענט דורך הונדערטער מיליאָנען בירגער.

און ס'איז פאַראַן נאָך אַ סיבה, וואָס פאַרמינערט היינטיקע צײַטן דעם אָנזען פון רעדנער און פון זײַן וואָרט: דאָס איז די פּאַרקויפטקייט, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אַרײַנגעפירט אין פּאָליטישן לעבן. נישט נאָר מענטשלעכע הענט ווערן געקויפט אין דער הײַנטיקער אָרדענונג. מענטשלעכער זשעני און טאַלענט, די פעדער און דאָס וואָרט — אַלץ האָט היינט אַ פּרייז אויף די בערזע. קויפן און איבערקויפן בירגערלעכע צײַטונגען און רעד־נער איז געוואָרן אַזאַ מעשה בכל יום, אַז עס וווּנדערט שוין אפילו קײנעם נישט. אָבער דאָס ווירקט אויף דער באַציונג צו דער רעד־נער־קונסט. אַזעלכע גרויסע מענטשן ווי ל. טאָלסטאָי, מאָנטעניע, ווײַזן אַרויס אַ שטאַרקן אומחן צום רעדנער. סיי דאָס געשריבע־נע, סיי דאָס גערעדטע וואָרט ווערן אַזוי פּראָסטיטואירט אין

דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַז דאָס קאָן נישט פאַרבייגיין אומבאַמערקט פאַרן ברייטן עולם, פאַר די מאַסן.

ערשט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שאַפט ווידער דעם אַמאָליקן טיפ פון אַ רעדנער אַ — קעמפער, — פאַר מענטשנס גליק און פרייהייט.

אין רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן, ווען דאָס וואַסער גייט אַרויס פון די ברעגעס, ווען מיליאָנען הייבן אָן אַקטיוו צו שמידן נייע לעבנס-פאָרמען און די געשעענישן לויפן מיט אַ פאַרכאַפּנדיקער שנעלקייט, ווען אין געציילטע שעהן קומט אויס צו בייטן און אָננעמען באַשלוסן פון געשיכטלעכער באַדייטונג — אין אַזעלכע מאָמענטן פאַרלירט די פרעסע, וואָס ליגט דאָס רוב נאָך אין די הענט פון דער אַלטער פאַרמשפּטער וועלט, אַ גרויסן טייל פון איר באַדייטונג און השפעה. עס וואַקסט דאַן אומגעהייער די באַדייטונג פון רעדנער-טאַלענט. אין אַזעלכע צייטן פילט דער רעדנער אויף זיינע אַקסלען אַ גרויסע לאַסט פון געשיכטלעכער אחריות. די שיף פון לעבן ווערט געטריבן דורך ברויזנדיקע שטורעם-ווינטן, און ער, דער רעדנער, באַדאַרף איר ווייזן, דורכן נעפל און ווירוואַר פון דער קעגנוואַרט, דעם וועג אין דער צוקונפט אַריין. די רעדנער-טריבונע איז דאַן כמעט דער וויכטיקסטער מיטל אויף צו פאָרמירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. ממילא איז קלאָר, ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מוז דאָס אַלץ גוט דיסקאָנטירן, ווי וויכטיק די קונסט פון רעדן איז פאַרן אַרבעטער-קלאַס און פאַר זיינע טוער.

דער גערAַנגל צווישן דער וועלט פון אַרבעט און דער וועלט פון קאַפּיטאַל ווערט געפירט ווייט נישט מיט גלייכע מיטלען דורךביידע צדדים.

אויף דער זייט פון דער אַלטער וועלט זענען אַלע פיזישע אונטערדריקונגס-מיטלען פון דער מלוכה; אין אירע הענט ליגט דער דערציונג-וועזן פון יונגן דור; זי איז די אייגנטימערין פון גאַנצן מאַטעריעלן רייכטום פון פאָלק; די פרעסע, די אוניווערסיטעטן, די וויסנשאַפט, די רעליגיע זענען צו איר דינסט.

כדי מיט דערפאָלג זיך אַנטקייגנצושטעלן דערדאָזיקער

אומגעהייערער איבערמאַכט פון קאַפּיטאַל, איז נייטיק, אַז די מיליאָ־ניקע מאַסן זאָלן דורכגעדרונגען ווערן מיט טיפן גלויבן אין אומ־פאַרמיידלעכן זיג פון סאָציאַליזם; זיי זאָלן באַגרייפן די אמתע סיבות פון זייער פאַרשקלאַפונג; זיי זאָלן זיך אויסלערנען פונאַנ־דערקלייבן אין די טרייב־קרעפטן פון היינטיקן לעבן; זיי זאָלן אָרגאַניזירט, דיסציפּלינירט און מיט דער גרעסטער אחריות פּאַרטיי־דיקן זייערע אינטערעסן.

די סאָציאַליסטישע פּרעסע — לכל־הפּחות, כּל־זמן דער אַר־בעטער־קלאַס איז נישט באַם מלוכה־רודער, — איז צו שוואַך, כּדי אַליין דורכצופירן דידאָזיקע ריזיקע דערציִונג־אַרבעט צווישן מיליאָ־נען אַרבעטנדיקע.

די צענטראַלע פיגור אין דעראָזיקער אַרבעט מוז זיין דער רעדנער, דער ווירקזאַמסטער וועג — דאָס לעבעדיקע איבער־צייגנדיקע וואָרט!

אין פאַבריק און וואַרשטאַט, אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אין פאָלקס־אוניווערסיטעט, אויף פּאָליטישע מיטינגען און מאַני־פעסטאַציעס, אויף זיצונגען און אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, אין די שטאָט־ראַטן און פּאַרלאַמענטן — אומעטום טוט דער רעדנער־סאָ־ציאַליסט זיין פליכט — ער דערציט די אַרבעטנדיקע מאַסן צו זיי־ער געשיכטלעכער שליחות, ער וועקט זיי צום קאַמף!

היינט, ווען דער סאָציאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט, ווען ער איז אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום, ווי אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע פאַר אונזער דור, קאָן מען אָן שום גוזמא זאָגן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איז אָפּהענגיק דערפון, ווי גיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועט געלונגען צו איבערצייגן די אַרבעטנדיקע מאַסן, צו „איבער־רעדן" די וועלט פון אַרבעט. אָבער כּדי „איבערצורעדן", דאַרף מען קאָנען רעדן, ד. ה. מ'דאַרף באַזיצן די קונסט פון רעדן.

אָסקאַר וואַילד, דער באַקאַנטער פּאַראַדאָקסן־מייסטער, זאָגט, אַז „מענטשן וואָס טוען גוט, איז דאָ אַ סך, אָבער מענטשן וואָס רעדן גוט, איז דאָ ווייניק. אַ סימן — אַז גוט רעדן איז טייערער, ווי גוט טון". — אַ שטיק אמת איז זיכער פאַרהאַן אין אָט דעם פּאַ־

ראַדאָקס: פּאַר אַרבעטער־טוער באַדייט אויסלערנען זיך „גוט רעדן" — דערנענטערן די צייט, ווען די ברייטע שיכטן פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק וועלן אָנהייבן „גוט טון".

II.

צי קאָן מען זיך אויסלערנען רעדן?

„וואָס פון דיר קען ווערן —
דאָס „ביסטו שוין״. — העבעל.

נישט איינער, מסתמא, וועט דורכלייענענדיק דאָס ערשטע קאַפּיטל, איראָניש אַ שמייכל טון: גוט, פיין, ס'איז טאַקע וויכטיק זיך אויסצולערנען רעדן, אָבער ווי מאַכט מען דאָס? און צי איז עס בכלל מעגלעך צו „מאַכן״? איז דען נישט דער רעדנער-טאַלענט אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט. אַ שפּיל פון בלינדן צופאַל, אַ מתנה, וואָס די גוטע אָדער בייזע געטער לייגן אַריין דעם מענטשן פון געבוירן אָן אין זיין וויגעלע?

דידאָזיקע מיינונג איז זייער אָנגענומען — און פונדעסטוועגן איז זי פאַלש. אוודאי זענען געווען און ס'זענען פאַראַן אויסנאַם-רעדנער, געניאַלע רעדנער, פון דער נאַטור באַשאָנקען מיט אַלע אייגנשאַפטן, אין וועלכע אַן אמתער רעדנער נויטיקט זיך. אָבער אַזעלכע זענען זייער זעלטן. יעדער דור וועט זיי אָנציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. אַזוי רעדן קאָן מען זיך טאַקע נישט אויסלערנען. הגם אפילו דידאָזיקע אויסערגעוויינטלעכע טאַלענטן — אויב זיי ווילן נישט לאָזן פאַרוועלקן זייערע רעדנערישע אייגנשאַפטן, מוזן זיך כסדר לערנען און פאַרפולקאָמען, כסדר איבער זיך אַרבעטן.

געטע פלעגט שטאַרק נישט ליב האָבן די „געלערנטע״ פסיידאָ-דיכטער פון זיין צייט. ער פלעגט וועגן זיי זאָגן: דערלערנען קאָן מען בלויז איין טייל פון קונסט — דער קינסטלער אָבער

דאַרף זי אינגאַנצן באַהערשן*). דאָסדאָזיקע ריכטיקע וואָרט באַשטעטיקט אָבער נאָכאַמאָל, אפשר קעגן ווילן פון מחבר גופא, אַז אין יעדער קונסט איז פאַראַן אַזאַ טייל, וואָס דאַרף אפילו דורכן גאָט-געבענטשטן קינסטלער שטודירט און געלערנט ווערן! דאָס אַרבעטן איבער זיך קאָן קיין מאָל נישט ווערן קיין חסרון פאַרן טאַלענט, אַ מעלה אָבער איז דאָס זייער אָפט, אויב נישט תמיד.

די גרעסטע רעדנער פון דער וועלט-געשיכטע, דעמאָסטענעס און ציצעראָן, זענען טאַקע געווען אַ מוסטער פון פלייס און אַרבעטזאַמקייט. נישט געקוקט אויף זייערע רעדנערישע פעיקייטן, פלעגן זיי אָן אויפהער אַרבעטן איבער זיך, כסדר לערנען און זיך פאַרפולקאָמען. די לערן-ביכער פון רעטאָריק ברענגען צענדליקער אַנעקדאָטן און מעשיות, וואָס כאַראַקטעריזירן זייער געוויינטלעכע אַרבעטזאַמקייט.

אַלזאָ, אויסלערנען זיך זיין „געניאַל" איז בכלל נישט מעגלעך, איז דערום אויך נישט מעגלעך אויסלערנען זיך „געניאַל" צו רעדן. אָבער — מיר באַהויפּטן, אַז די קונסט פון רעדן איז אַ נאָרמאַלע אייגנשאַפט פון יעדן נאָרמאַלן מענטש! ס'איז פולשטענדיק מעגלעך זיך אויסלערנען קלאָר און דייטלעך עפנטלעך צו רעדן, לאָגיש און איבערצייגנדיק צו אַנטוויקלען פאַר צוהערער די אייגענע געדאַנקען. יעדער נאָרמאַלער, נישט דעפעקטיווער מענטש קאָן מיט דערפאָלג זיך אויסלערנען עפנטלעך אַרויסצוטרעטן אויף קלענערע אָדער גרעסערע פאַרזאַמלונגען, אַקוראַט ווי מען קאָן זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן.

יעדער געזעלשאַפטלעכער טוער קאָן זיך דערמאַנען פון זיין אייגענער דערפאַרונג צענדליקער ביישפּילן פון מענטשן, וואָס פלעגן עקשנותדיק טענהן, אַז זיי „קאָנען נישט רעדן", וועלכע זענען אָבער מיט דער צייט געוואָרן גוטע רעדנער, האָבן זיך

---

*) „Nor ein teil der kunst gelehrt werden kann, während der künstler Sie ganz braûche" (Goethe).

אויסגעלערנט קלאָר און פאַרשטענדלעך אַרויסצוטרעטן פאַר אַן אוידיטאָריע.

מען דאַרף בלויז פאַרמאָגן אַ פונק אין האַרצן, וואָס שטויסט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און אַ ווילן זיך אויסצולערנען רעדן!

זייער אָפט טרעפט זיך, אַז אויף אייער ווענדונג צו עמיצן: „וואָס שווייגט איר, נעמט אַ וואָרט!" — באַקומט איר אַ תשובה: איך?! -- איך קאָן נישט רעדן"! פרובירט אָבער מיטן זעלבן פאַרפירן אַ שמועס וועגן זיין ספּעציאַליטעט, וועגן ענינים פון זיין באַרוף, וועגן פּרנסה, וועגן ביזנעס, און איר וועט איינפאַך שטוינען, ווי פלייסיק און גלאַטיק ער רעדט, סאַראַ כּוח־הדיבור ער פאַרמאָגט.

אויב אַזאַ איינער טרעט דאָך נישט אַרויס עפנטלעך —איז עס בלויז צוליב דעם, ווייל אין תּוך גענומען רירן אים די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען נישט אָן אין אַזאַ מאָס, ווי זיינע פּערזענלעכע ענינים.

מען קאָן אונז אָנווייזן אויפן מאָטאָ, מיט וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל, („וואָס דו קאָנסט ווערן — דאָס ביסטו שוין") און זאָגן! „זעט איר — מיר זענען דאָך שוין דערוואַקסענע מענטשן. וואָלטן מיר געהאַט רעדנער־אייגנשאַפטן, וואָלטן זיי זיך אַרויסגעוויזן, מיר וואָלטן שוין לאַנג רעדנער געווען". אינדערעמתן אָבער איז דאָס גאָר קיין באַוויין נישט. וואָס איז דער זין פון העבעלס געדאַנק? אַז אין קלענסטן זאָמען ליגט שוין פאַרבאָרגן די גאַנצע באַטעמטקייט פון דער קונפטיקער פּרוכט, די גאַנצע קאָלירן פּראַכט פון די נאָך נישט פאַרהאַנענע בלומען. דער גאַנצער כּוח פון די נאָך נישט אויסגעוואַקסענעביימער! אָבער — דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז פון יעדן זאָמען וועט טאַקע דורכאויס אַרויסוואַקסן דאָס צוקונפטיקע געוויקס, אַז אַלע פאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן וועלן זיך טאַקע אַרויסבאַקומען אויף דער ליכטיקער שיין. פרעצטיק פונאַנדערבליען זיך אָדער טרויעריק פאַרוועלקט ווערן פאַר דער צייט, אויסוואַקסן הויך אין הימל אַריין אָדער פאַרקריפּלט אַריינוואַקסן צוריק אין דער ערד — דאָס איז שוין אָפּ־

הענגיק דערפון, צי די זאָמען זענען געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן, צי די ערשטע שפּראָצונג האָט געהאַט גענוג ליכט און לופט, כּדי צו קאָנען וואַקסן און זיך אַנטוויקלען.

דאָס זעלבע איז מיטן רעדן: בײַ אַ סך האָט די דאָזיקע אייגנשאַפט נישט אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן (אויסערלעכע באַדינגונגען); בײַ אַ סך איז זי פאַר דער צייט, צוליב מאַנגל אין לופט און ליכט, פאַרוועלקט געוואָרן; בײַ אַנדערע ווידער איז די דאָזיקע אייגנשאַפט פאַרדאָרבן, פאַרקריפּלט געוואָר׳ן, און אָנשטאָט רעדנער-טאַלענטן האָבן זיך באַקומען... פּלוידער-זעק.

מען קאָן זיך נישט אויסלערנען צו זיין אַ געניאַלער מאַטעמאַטיקער, אַ געניאַלער שרייבער, אָדער אַ געניאַלער רעדנער. יעדער נאָרמאַלער מענטש קאָן זיך אָבער אויסלערנען חשבונען, שרייבן און עפנטלעך רעדן.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע איר וועט בשום אופן נישט אויסלערנען מוזיק — דאָס זענען דעפעקטיווע מענטשן. אָבער יעדן נאָרמאַלן מענטש קאָן מען אויסלערנען שפּילן קלאַוויר. אַקוראַט אַזוי זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע איר וועט בשום אופן נישט אויסלערנען עפנטלעך אַרויסצוטרעטן. דאָס זענען אָבער אויסנאַמען! דער קרייז פון די, וואָס קאָן זיך יאָ אויסלערנען עפנטלעך רעדן, איז אַ סך, אַ סך ברייטער און גרעסער, ווי מ׳שטעלט זיך געוויינטלעך פאָר.

.III

אַ רעדנער איז נישט סתם אַ „צונג אויף שרייפּעלעך".

„דאָס האַרץ מאַכט דעם מענטש פאַר אַ רעדנער".
„Pectus facit oratorem".
אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט.

אַ מענטש, וואָס נעמט זיך נישט צום האַרץ דאָס לעבן פון זיינע מיטמענטשן, זייערע ליידן און פריידן, קאָן קיין רעדנער נישט זיין. ווער עס וויל אַנדערע באַאיינפלוסן — דער מוז אַליין אויך קאָנען באַאיינפלוסט ווערן דורך די אַרומיקע. ווער ס'האָט אַ פאַרמאַכט האַרץ פאַרן אַרום, פאַר דעם איז פאַרקלאַפּט דער צוטריט צו די געפילן פון אָט דעם אַרום. העגדריק דע מאַן זאָגט, אַז נאָר דער „אויף וועמען די געפילן פון אַנדערע מאַכן דעם שטאַרקסטן איינדרוק, קאָן מיט דערפאָלג אַפּעלירן צו די געפילן פון זיינע צוהערער"*). נאָר פון אַזעלכע מענטשן רעקרוטירן זיך ווירקזאַמע רעדנער. אַן אמתער רעדנער מוז האָבן אַ גאָט אין האַרץ. אַ גרויסער רעדנער מוז גלייכצייטיק זיין אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער פאַר אַ נייעם אמת, פאַר אַ גרויסן אידעאַל. באַם רעדנער אין האַרץ מוז ברענען דער נר-תמיד פון זיין אידעע. ווערט אויסגעלאָשן דאָסדאָזיקע ליכט — הערט ער אויף צו זיין רעדנער. אַ רעדנער מוז זיין אַ גלויביקער, אַן אידעאַליסט, אַ

*) „Hendrik de Mann zur psychologie des Sozialismus".

פֿאַנאַטיקער אפֿילו! ער דאַרף נישט מורא האָבן, אַז מען וועט אים באַשולדיקן אין איינזייטיקייט, אין באַגרענעצטקייט. זאָל ער נאָר ווירקלעך פֿאַרמאָגן כאָטש איין איינציקן אייגענעם געדאַנק — וועט ער אין 99 פֿאַלן פֿון 100 זיין רייכער פֿאַר זיינע קריטיקער, טאַקע מיט אָט דעם איין געדאַנק, ווייל דאָס רוב מענטשן פֿאַרמאָגן דאָך קיין איינעם אויך נישט.

האָבן בלויז אַ „צונג אויף שרויפֿן" — באַדייט נאָך נישט צו זיין אַ רעדנער. אדרבה, אַן אמתער רעדנער וועט קיינמאָל נישט רעדן צו פֿיל. ער איז נישט קיין פּלוידער-זאַק, וואָס רעדט, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט. ער איז, פֿאַרקערט, קאַרג אויף ווערטער. יעדע אַרויסטרעטונג איז פֿאַר אים אַן אָנשטרענגונג, אַ ווייטיק און אַ יום-טוב צוזאַמען, אַן ערנסטע עפּנטלעכע עבודה. ווייל — יעדע אַרויסטרעטונג איז פֿאַרבונדן מיט אַ טיפֿן אינערלעכן דראַנג צו איבערצייגן, צו באַאיינפֿלוסן, צו ווערבירן אָנהענגער פֿאַר זיין אמת.

דער אמתר רעדנער טרעט אַרויס נאָר דאַן, ווען ער האָט וואָס צו זאָגן. און ערשט ווען ער פֿאַרמאָגט וואָס צו זאָגן, טראַכט ער וועגן דעם, ווי אַזוי צו זאָגן. ווען מען האָט נישט וואָס צו זאָגן, וועט די לאַנגע צונג ווייניק העלפֿן. אויב טײַלעראַן האָט געהאַלטן, אַז דאָס לשון איז דעם מענטש געגעבן צו קאָנען פֿאַרבאַהאַלטן זיינע אמתע געדאַנקען, איז אָבער דערפֿון בשום אופֿן נישט געדרונגען, אַז מען קאָן מיטן לשון פֿאַרבאַהאַלטן אויך דעם מאַנגל אין געדאַנקען, די אינערלעכע פּוסטקייט... דער באַקאַנטער יידישער קאָמוניסט ליטוואַקאָוו האָט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון „געזערד" אין מאָסקווע (נאָוועמבער 1926) בייסיק באַמערקט אויפֿן אַדרעס פֿון איינעם פֿון די רעדנער: „האָבן אַ לאַנגע צונג איז נאָך נישט קיין סימן פֿון פֿאַרמאָגן אַ גרויסע אידעע". „אָן געדאַנקען קאָן מען אין בעסטן פֿאַל פֿאַרמאָגן אַ געשליפֿן צינגל" — מ'קאָן אָבער נישט זיין אַ רעדנער. פּיינלעך איז צו הערן רעדן אַזאַ געשליפֿן צינגל". ער רעדט קיילעכדיק און גלאַטיק. שעהן נאָכאַנאַנד קאָן ער אָפּרעדן וועגן וואָס איר ווילט. אָבער אַן אינערלעכע פּוסטקייט ווייעט דערביי פֿון דער טריבונע, אַ קאַלטקייט;

קיין ברעקל באַגייסטערונג, קיין סימן פון גלויבן, בלויז געמאַכטער פּאַטאָס! אַזאַ רעדן וועט קיינעם נישט באַגייסטערן, קיינעם נישט באַאיינפלוסן. נאָר ווערטער וואָס קומען פון האַרץ — טרעפן צום האַרץ.

מען דאַרף גאָרנישט זיין קיין באַזונדערער מבין, כדי צו דערקענען, ווער ס'איז ווירקלעך אַ רעדנער, און ווער עס פּרו־בירט זיך בלויז מיט אַ ווערטער־האָגל צו פאַרדעקן זיין מאַנגל אין געדאַנקען. אונז איז נאָך נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען אַן עולם, וואָס זאָל נישט זיין אימשטאַנד תּיכּף איינצובייסן, ווער עס דרשנט פאַר אים פון דער טריבונע. צוהערער האָבן אַ חוש פאַר אַזעלכע זאַכן. זיי דערקענען תּיכּף, צי די ווערטער־מיל גוט ווירקלעך אַרויס קאָרן, אָדער זי קלאַפּט אַזוי רוישיק, ווייל זי איז... ליידיק!

דער וואָס איז אַליין נישט איבערצייגט — קאָן אַ צווייטן נישט איבערצייגן, — קאָן, הייסט דאָס, קיין רעדנער נישט זיין. דער וואָס טרעט אַרויס עפנטלעך אָן אַ טיפן גלויבן אין זיינע אייגענע ווערטער, איז נישט קיין רעדנער, נאָר אַ קונצן־מאַכער. וואָס שענער ער רעדט, אַלץ אַ שווערערן איינדרוק מאַכט ער. אַ רעדנער, וואָס טראַכט אויף דער טריבונע וועגן זיך, וועגן זיינע באַקוועמלעכקייטן, וועלכער קאָן נישט בשעתן רעדן פאַרגעסן וועגן זיין פּערזאָן און צאַצקעט זיך מיט זיך אַליין, מיט יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס — אַזאַ איינער איז נישט בכוח צו צווינגען אַנדערע צו פאַרגעסן זייערע וואָכעדיקע דאגות און געדאַנקען. מיט אַ יאָר 5 צוריק איז אונז אויסגעקומען צו זיין אויף אַ זעלטענעם קאָנצערט־אָוונט; עס זענען אַרויסגעטרעטן צוויי וועלט־באַרימטע זינגער — סיביריאַקאָוו און באַטיסטיני. זייער זינגען האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. די צוהערער זענען פון זייער זינגען פּשוט פאַרשיכּורט געוואָרן ווי פון שטאַרקן, אַלטן וויין. באַטיסטיני איז געווען אין שטימונג. די ריוואַליזאַציע מיטן יונגערן, שטורמישן און פאַרשווענדערישן סיביריאַקאָוו האָט אַפּנים אויפגעוועקט אין אים די יונגע כּוחות. נאָך שטורמישע אָוואַציעס און אומאויפהערלעכע ביס־געשרייען האָט ער גענומען זינגען זיין באַוווּסטע אַריע פון

פּאוסט. פּלוצלינג, אין מיטן זינגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און מיט אַ צעפּיעשטשעטע קול פאַרלאַנגט, מ'זאָל פעסטער צומאַכן די טיר: ער האָט דערשפּירט אַ צוג־ווינט... מיטאַמאָל איז די שטי־מונג אין גרויסן זאַל געפאַלן; מ'האָט, אמת, אויך ווייטער באַוווּנ־דערט זיין זינגען, אָבער פון באַגייסטערונג, פון התלהבות איז שוין כמעט קיין שפור נישט פאַרבליבן.

פּונקט אַזוי איז מיטן רעדנער. טראַכט ער ד'ער־עיקר וועגן האָבן דערפאָלג, וועט ער זעלטן דעם דערפאָלג דעראָבערן. די גרעסטע נצחונות האַלט אָפּ דער רעדנער דווקא דאַן, ווען ער טראַכט אַמווייניקסטן וועגן זיי, ווען ער פאַרגעסט אינגאַנצן וועגן זיין „איך", ווען ער אַליין באַגייסטערט זיך ביז עקסטאַז, ביז גרייטקייט זיך אינגאַנצן מקריב צו זיין.

דער באַקאַנטער עוואַנגעלישער פּסוק: „ווער עס וויל זיך דערהייבן איבער אַנדערע, וועט געניזוקט ווערן, ווער ס'איז גרייט זיך מקריב צו זיין, וועט דערהויבן ווערן" — איז אין אונזער פאַל כמעט תמיד ריכטיק.

דער רעדנער דאַרף נישט ציטערן איבער זיין נאָמען, אי־בער זיין פּאָפּולאַריטעט, ווי אַ קאַרגער איבער זיין פאַרמעגן. די מורא פאַר נישט אויסנעמען באַ די צוהערער טאָר אים נישט אָפּ־האַלטן פון אַרויסזאָגן עפנטלעך דאָס, וואָס ער האַלט פאַר ריכטיק און וויכטיק. פרידריך אַדלער, דער באַקאַנטער סאָציאַליסט און פירער פון דער ווינער אַרבעטערשאַפט, האָט אַמאָל ריכטיק באַ־מערקט: „פּאָפּולאַריטעט פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער איז אַ קאַפּי־טאַל, וואָס דאַרף פאַרווענדט ווערן בלויז אין קאַמף פאַר די איי־גענע איבערצייגונגען". דאָס איז אַן אמת, וועלכן יעדער רעדנער דאַרף גוט געדענקען.

IV.

צו אַ רעדע דאַרף מען זיך גרייטן.

אַ רעדנער טאָר זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף ניסים. פֿאַר אַן עפֿנטלעכן אַרויסטריט מוז ער זיך גרינטלעך צוגרייטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען די אומשטענדן צווינגען אַרויסצוטרעטן נישט צוגעגרייטערהייט, דאַרף מען זיך דערפֿון אויך נישט אָפּזאָגן. אָבער אויב מ׳האָט צייט און מעגלעכקייט זיך צוצוגרייטן און מ׳טוט דאָס נישט, איז עס זייער אַ שלעכטער סימן. נישט צוגעגרייטערהייט קאָן זיך אויך אַמאָל אַ רעדע איינגעבן. אָבער גרייט מען זיך פֿריער צו, וועט די רעדע כּמעט שטענדיק זיין בעסער, געלונגענער. דער רעדנער, וואָס לייגט נישט קיין אַכט דערויף, אַז זיינע אַרויסטרעטונגען זאָלן זיין ווי אַמבעסטן, באַווייזט דערמיט, אַז ער האָט אָדער אַ צו הויכע מיינונג וועגן זיין רעדנער־קראַפֿט, אָדער ער באַציט זיך מיט גרינגשעצונג צו זיינע צוהערער. אין ביידע פֿאַלן איז עס גרויסע חסרונות, וועלכע שוואַכן באַדייטנדיק אָפּ די ווירקונג פֿון וואָרט.

ווי וויכטיק עס איז דאָס צוגרייטן זיך, באַווייזט ווידעראַמאָל די פֿירונג פֿון דעמאָסטענעס און ציצעראָן: זיי פֿלעגן קיינמאָל זיך נישט דערלויבן אַרויסטרעטן פֿאַר אַן אוידיטאָריע אָן אַ גרינטלעכער צוגרייטונג. פֿאַר דעמאָסטענעסן איז דאָס גרייטן זיך צום רעדן אַן אויסדרוק פֿון דרך־ארץ צו דער זאַך, צו זיך אַליין און צו דער אוידיטאָריע. דער, זאָגט ער, וואָס גרייט זיך נישט צו צו אַן עפֿנטלעכער אַרויסטרעטונג, איז גיכער אַ פּלוידער־זאַק, אַ צונג אויף שרויפֿן, איידער אַן אמתער רעדנער.

וועגן ציצעראָנען דערציילט מען אַזאַ מעשה: אַמאָל האָט ציצעראָ, צוליב אַן אומגליקלעכן צופאַל, נישט געהאַט קיין צייט זיך צוגרייטן ווי געהעריק צו אַ פאַרטיידיקונגס־רעדע, וועלכע ער האָט געזאָלט האַלטן צומאָרגנס אין געריכט. פאַרדאגהט זיצט ער אין אָוונט בײַ זיך אין אַרבעט־צימער און טראַכט וועגן דער מאָרגנדיקער אַרויסטרעטונג. פּלוצלינג קומט אַריין זיין הויז־קנעכט און דערלאַנגט אים אַ בריוו פון געריכט, אַז דער פּראָצעס איז געוואָרן אָפּגעלייגט. ציצעראָן האָט זיך אַזוי דערפרייט, אַז גלייך אויפן אָרט האָט ער פריי געלאָזט דעם קנעכט (בײַ די רוימער איז געווען אַ מנהג — אַלס אויסדרוק פון שמחה צו באַפרייען זייערע דינער פון שקלאַפעריי).

קודם־כל דאַרף מען זיך גוט באַקענען מיטן געגנשטאַנד, וועגן וועלכן מ'דאַרף רעדן. אָן דעם איז אוממעגלעך צו האַלטן אַ באמת גוטע רעדע. אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום געגנשטאַנד און וואָס מ'קאָן נאָר קריגן, דאַרף מען דורכלייענען — און נישט אַבי־ווי אַזוי. אַמבעסטן איז צו קאָנספּעקטירן דאָס דורכגעלייענטע, ד. ה. מאַכן זיך נאָטיצן, פאַרשרייבן די וויכטיקסטע געדאַנקען, אינטערעסאַנטע פּרטים, ביישפּילן, וואָס אילוסטרירן די טעמע. אויב אין דערזעלבער צייט קומען פאָר רעפעראַטן וועגן זעלבן געגנשטאַנד פון אַנדערע רעדנער, מעגן זיי זיין אפילו קעגנער, איז זייער כדאי זיי אויפמערקזאַם אויסצוהערן. דאָס האָט מייִנסטנס גאָר אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער קינפטיקער אייגענער רעדע. מ'זעט קלאָר די אייגענע שוואַכע זייטן, מ'טאַפּט אָן דאָס שוואַכע אָרט פון קעגנער, מ'לערנט זיך אויסצומיידן פעלערן, אויסצוטיילן דעם עיקר, די וויכטיקערע מאָמענטן פון די ווייניקער וויכטיקע.

ווייסט מען ווי געהעריק איז דעם געגנשטאַנד, אַזוי קאָן מען זיך נעמען צו ווייטערדיקע צוגרייטונגען.

אָבער אָט די ווייטערדיקע צוגרייטונגען זענען נישט אַזאַ פּשוטע זאַך. מען דאַרף וויסן, ווו איין און ווו אויס. מען טאָר נישט אַריבערכאַפּן די מאָס. למשל, אַנדערע מיינען, אַז אויב שוין יאָ גרייטן זיך, איז דאָס גלייכסטע גאָר אויסלערנען די רעדע אויף

אויסנוויייניק! נישט דערפאַרענע רעדנער, ס׳רוב די, וואָס טרעטן אַרויס צום ערשטן מאָל, טוען טאַקע אַזוי, — אָבער זיי האָבן גע־וויינטלעך אַ ביטערן אָפּשניט. איינער פון די באַרימטסטע רעדנער פון אונזער צייט, דער פאַרשטאָרבענער א ו י ג ו ס ט ב ע ב ע ל, דער־ציילט אין זיינע זכרונות*), ווי אַזוי ער האָט זיך געגרייט צו זיין ערשטער רעדע אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. מער פאַר אַלץ האָט ער מורא געהאַט, אַז אים וועט אינמיטן פאַר־פעלן אַ וואָרט, אַ זאַך — וואָס וועט ער דאַן טון?! כּדי אויסצו־מיידן דידאָזיקע סכּנה, האָט ער אויסגעלערנט זיין רעדע אויף א ו י ס נ ו ו י י נ י ק. אָבער טאַקע צוליב דעם האָט מיט אים געטראָפן דאָס, פאַר־וואָס ער האָט אַזוי געציטערט: אין מיטן רעדן איז אים פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן אַן איינגעחזרטער זאַך, און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט רעדן ווייטער. אַ רויטער פון אָנשטרענגונג און חרפּה, איז ער אַראָפּ פון דער טריבונע. אַזוי האָט אויסגעזעען דער ערשטער דעביוט פון איינעם פון די באַגאַבטסטע רעדנער פון פאַריקן יאָרהונדערט.

אָבער חוץ דער סכּנה פון פאַרגעסן אַ זאַך און בלייבן שטיין אומבאַהאָלפן אין מיטן, פאַרמאָגט אַן איינגעחזרטע רעדע נאָך אַנ־דערע געוואַלטיקע חסרונות: ערשטנס, מוז אין יעדער גוטער רע־דע, ווי צוגעגרייט זי זאָל נישט זיין, תּמיד בלייבן אַן עלעמענט פון אימפּראָוויזאַציע: אַ משל, וואָס איז ערשט בשעתן רעדן געקו־מען אין זינען, אַ נייער ניואַנס, אַ פאַרגלייך, וועגן וועלכן מען האָט ערב דעם רעדן נישט געטראַכט. מיט איין וואָרט, אַ גוטע רעדע פאַרלאַנגט, אַז דער רעדנער זאָל נישט זיין צו שטאַרק גע־בונדן. אַן איינגעחזרטע רעדע מאַכט אָבער אוממעגלעך יעטוועדע פרייע אימפּראָוויזאַציע. די אויסגעלערנטע זאַצן דריקן, ווי אַ שווע־רע משא, און האַלטן געפאַנגען דעם רעדנער, לאָזן אים נישט פריי זיך באַוועגן, מאַנעווירן.

---

*) „Aus meinem Leben"
A. Bebel I, II, III.

צווייטנס, כדי אויסצולערנען אויף אויסנווייניק א רעדע, מוז מען דאָך פריער זי אָנשרייבן. אָבער שרייבן און רעדן זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. א רעדע וואָס לייענט זיך גוט — טויג נישט. דער באַרימטער ענגלישער פּאַרלאַמענטאַרישער רעדנער Fox פלעגט געוויינטלעך פרעגן: „די רעדע לייענט זיך גוט? — יאָ! — נו, אויב אַזוי טויג זי נישט". — מעגלעך, אַז די דאָזיקע מיינונג איז שוין צו גוזמאַדיק, אָבער א סך אמת איז אין איר זיכער פאַראַן. באַם רעדן שפּילן א גרויסע ראָל די אינטאָנאַציע פון דער שטים, די זשעסטיקולאַציע, די מימיק א. ד. ג. זאַכן, וואָס באַם שרייבן זענען זיי לחלוטין נישטאָ. ס'איז דאָך א באַקאַנטע זאַך, אַז א רעדנער קאָן אַמאָל מיט איין אַנטשפּרעכנדיקער האַנט-באַוועגונג זאָגן מער, ווי א סך געדיכטע באַשריבענע זייטן! פון אַן אָנגעשריבענער און איינגעחזרטער רעדע מוז זיך דערום באַקומען אַן איינדרוק פון געקינצלטקייט, פון נישט נאַטירלעכקייט.

צוליב דיזעלבע טעמים איז אויך נישט גוט צו לייענען א רעדע פון פּאַפּיר. אַזאַ רעדע האָט נאָך איין גרויסן חסרון: זי קאָן אויפגענומען ווערן דורך די צוהערער, ווי א באַשטעלטע, אַ פּ אָ ר ג ע ש ר י ב ע נ ע; ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער מינדעסטער חשד אין דער ריכטונג מוז קאַליע מאַכן דעם איינדרוק פון דער בעסטער רעדע. ס'איז נישט מעגלעך צו ווירקן אויף צוהערער, אויב זיי זענען נישט הונדערט פּראָצענט איבערצייגט אין דער אינערלעכער פרייהייט און אויפריכטיקייט פון רעדנער.

אַלזאָ, נישט לערנען אויסנווייניק און נישט לייענען פון פּאַפּיר.

דער וויכטיקסטער טייל פון דער צוגרייטונג באַשטייט אין אויסאַרבעטן פאַר זיך אַליין — דאָס שוין גראָד אויפן פּאַפּיר — א פּלאַן פון דער רעדע, און גוט, גענוי דורכטראַכטן יעדן פּונקט, יעדן פּרט פון דאָזיקן פּלאַן.

מען קאָן אָנוואַרפן לערך אַזאַ סכעמע: 1) פריער פאַר אַלץ דאַרף מען אויסאַרבעטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער רעדע, ד.ה.

אין גראָבע שטריכן אירע באַזונדערע טיילן און די קעפּלעך פון די באַזונדערס וויכטיקע געדאַנקען, 2) אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכ־אַמאָל דורכטראַכטן דעם אָנגעשריבענעם פּלאַן, שלייפן אים, דע־טאַליזירן א. א. וו., 3) נאָכדעם ווי דער פּלאַן איז אַזוי אַרום שוין פאַרטיק — גענוי באַטראַכטן דעם אינהאַלט פון יעדן פּונקט פון פּלאַן און אַריינשרייבן אונטער יעדער טעזע די וויכטיקסטע מאָמענטן אַלס אונטערקעפּלעך, 4) אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער — איבערקאָנטראָלירן די גאַנצע אָפּגעטוענע אַרבעט און מאַכן די נויטיקע אויסבעסערונגען, פאַרפּינקטלעזונגען א. ד. ג.

אַ ווירקלעכער רעדנער וועט פון דעם אַליין, צי דער פּלאַן איז אים געלונגען אָדער נישט — שוין וויסן פאָרויס, ווי ווייט די רעדע וועט זיך אים איינגעבן.

זייער וויכטיק איז צו האָבן גענוג צייט און נישט דאַרפן מיטאַמאָל צוגרייטן אַלע אויסגערעכנטע טיילן. עטלעכע טעג צייט צווישן איין טייל צוגרייטונג־אַרבעט און דעם צווייטן, איז אַ וויכ־טיקער תּנאַי פאַרן דערפאָלג פון דער צוגרייטונג. דער מענטש־לעכער מאַרך איז אַזוי ווונדערבאַר איינגעאָרדנט, אַז ווען ער קערט זיך אום נאָך אַ הפסקה צו דער נישט פאַרענדיקטער אַרבעט דאַרף ער נישט אָנהייבן ווידער פון דעם אָרט, וווּ די אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן, דער געדאַנק איז אַליין ווייטער געגאַנגען און דורכגעטראַכט אַ סך נייע פּרטים. מיט באַוווּנדערונג וועט איר באַמערקן, אַז זייענדיק פאַרנומען מיט אייערע געוויינטלעכע לויפנ־דיקע אָנגעלעגנהייטן, האָט איר אומבאַוווּסטערהייט ווייטער געאַר־בעט איבער דעם נישט פאַרענדיקטן פּלאַן פון דער רעדע. דער־דאָזיקער פּראָצעס איז באַקאַנט יעדן איינעם, וואָס עס פאַרנעמט זיך מיט גייסטיקער אַרבעט. דאָ קאָן מען באמת מיט רעכט זאָגן, אַז „מען דאַרף לאָזן צייט דער צייט". ווער האָט דען נישט גע־הערט וועגן פאַלן, ווען אַ מאַטעמאַטישע אָדער שאַכישע אויפגאַבע, איבער וועלכער מ'האָט זיך לאַנג אומזיסט געמאַטערט, איז געלייזט געוואָרן אין שלאָף, און אויף צומאָרגנס שטייט מען אויף מיט אַ פאַרטיקער תּשובֿה? דאָס איז, אייגנטלעך, דערזעלבער פּראָצעס פון „אומבאַוווּסטזיניקער" טעטיקייט פון מאַרך — אין אַ ספּעציעל

שאַרפער פאָרם. דערדאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר שטענדיק, — און מ׳דאַרף אים קענען דימקאָנטירן, ווי געהעריק, בעת דער צוגרייטונג צו אַ רעדע. און צוליב דעם טאַקע זענען אַזוי וויכטיק די הפסקות.

עס טרעפט אַמאָל, אַז נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען גיט זיך נישט איין עפּעס אַ וויכטיקער פּרט אין דער רעדע, אַן איבערגאַנג פון איין טייל צום צווייטן. די בעסטע זאַך אין אַזעלכע פאַלן — איז איבעררייסן אויף אַ געוויסער צייט די אַרבעט. שפּאַצירנדיק, פאָרנדיק מיטן טראַמוויי, באַ אַ צייטונג אָדער באַם מיטאָג — וועט איר זיך פּלוצלינג אַליין כאַפּן, אַז איר טראַכט וועגן דער נישט געלייזטער שוועריקייט, וואָס האָט אייך געמאַטערט. דאָס אַרבעט אַליין, אָן אייער וויסן, די ווונדערלעכע מאַשין — דער מאַרך! ווען איר וועט זיך אומקערן אין אַ צייט אַרום צו דערזעלבער רעדע, וועט איר אָפט לייכט געפינען די לייזונג, וואָס האָט אייך געפעלט.

יעדערווירקלעכער רעדנער האָט זיך מסתמא אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: שווערע איינצלהייטן, וועלכע לאָזן זיך אַמאָל בשום אופן נישט לייזן באַם אויסאַרבעטן דעם רעפעראַט, ווערן אָפט דערנאָך, בעתן רעדן גופא, מיטאַמאָל לייכט און קלאָר פאַרענטפערט. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס דאָס רעדן אַליין איז פאַר אַ ווירקלעכן רעדנער אַ שעפערישער פּראָצעס, ווען אַלע זיינע פעיקייטן ווערן אָנגעשטרענגט און אַרבעטן מיט אַ דאָפּלטער, מיט אַ דרייפאַכער קראַפט.

עס קאָן זיך אָבער מאַכן, באַזונדער באַ פּראָפעסיאָנעלע רעדנער, אַז נישט געקוקט אויף זייער בעסטן ווילן, זאָלן זיי בשום אופן נישט האָבן קיין צייט זיך צוצוגרייטן צום אַרויסטריט. אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען געדענקען, אַז דער אָנהייב און דער סוף זענען די וויכטיקסטע טיילן פון יעדער רעדע. האָט מען נישט קיין צייט צוצוגרייטן די גאַנצע רעדע, מוז מען לכל הפחות צוגרייטן דעם אָנהייב און דעם סוף. אַז דער רעדנער גייט אַרויף אויף דער טריבונע, מוז ער וויסן, ווי אַזוי ער

װעט אָנהייבן און מיט װאָס ער װעט ענדיקן זײַן רעדע. אָן דעם טאָר אפילו דער גרעסטער רעדנער נישט ריזיקירן ארױסצו־טרעטן.

V.

וועגן בוי פון אַ רעדע.

פונקט ווי אין דער אַרכיטעקטור בכלל זענען פאַראַן באַשטימטע כללים פון בויען, אַזוי זענען אויך פאַראַן כללים פאַר דער אַרכיטעקטור פון אַ רעדע. אַקוראַט ווי מ׳קאָן נישט אויסבויען אַ בנין, נישט אונטערלייגנדיק פריער אַ פעסטן פונדאַמענט און נישט אויפשטעלנדיק קיין רושטאָוואַניעס, אַזוי קאָן מען אויך נישט סתם פון דער העלער הויט אָנהייבן רעדן, אָן אַ סדר, אָן אַ פאָרויסבאַשטימטן פּלאַן. און פונקט ווי באַ אַ בנין מוז זיין אַ געוויסע שייכות, אַ צוגעפּאַסטקייט צווישן די פאַרשידענע טיילן, אַזוי מוז אויך זיין האַרמאָניע, אָרדנונג אינם בוי פון אַ רעדע.

איינע פון די עלטסטע שטרייט־פראַגן אין דער רעטאָריק איז — ווי אָנצוהייבן אַ רעדע. אייניקע האַלטן, אַז מ׳דאַרף אָנהייבן מיט די שטאַרקסטע ערטער, ווייל ווען דער ערשטער איינדרוק וועט זיין אַ שטאַרקער, וועט שוין די גאַנצע רעדע אויסגעהערט ווערן מיט אינטערעס. אַזוי, למשל, האָט געהאַלטן ציצעראָן. אַנדערע ווידער מיינען פאַרקערט, אַז די איינדרוקפולסטע ערטער דאַרף מען איבערלאָזן צום סוף רעדע, ווייל דער לעצטער איינדרוק איז דער אַנטשיידנסטער, דער צוהערער גייט אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג אונטערן איינדרוק פון לעצטן אַקאָרד.

דער אמת איז, אַז ס׳איז שווער איינמאָל פאַר אַלעמאָל דיזאָזיקע פראַגע צו לייזן. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז נאָרמאַל גענומען, איז גלייכער נישט אָנצוהייבן אַ רעדע מיט די שטאַרקסטע עפעקטן. עס זענען אָבער פאַרהאַן פאַלן, ווען מען מעג, ווען

מען דאַרף זיך לאָזן אויף דעמדאָזיקן וועג, צום בײַשפּיל: אַז מ'האָט צו טון מיט אַן אוידיטאָריע, וועלכע איז לכתחילה פֿײַנטלעך אָדער גלײַכגילטיק געשטימט צום רעדנער, אָדער אויב דער רעדנער דאַרף זיך ערשט אויסקעמפֿן אויפֿמערקזאַמקייט בײַ צוהערער, וועלכע האָבן וועגן אים פֿריער נישט געהערט — אין אַזעלכע פֿאַלן איז נישט אומגעפֿערלעך צו בויען די רעדע נאָרמאַל, ד. ה. איבערצולאָזן דעם „פּולווער" אויפֿן סוף. פֿאַרקערט, ס'איז גלײַכער פֿון אָנהייב־אָן אָנטאַפּן דעם וועג צו די הערצער פֿון די צוהערער. פֿאַראינטערעסירן זיי, אפֿילו זיי פֿאַראינטריגירן. אַנדערש — איז דאָ די ריזיקע, אַז די צוגעגרייטע עפֿעקטן און אײַנדרוקספֿולע ערטער זאָלן בלײַבן נישט אויסגענוצט, ד. ה., אַז די אוידיטאָריע זאָל אָדער בכלל נישט אויסהערן ביזן סוף די רעדע, אָדער די רעדע זאָל דערטרונקען ווערן אין ים פֿון גלײַכגילט.

ווען אַוועקצולייגן אין אַ זײַט די נאָרמאַלע כּללים און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס אָפּצוטרעטן פֿון דער נאָרמע — דאָס איז שווער אויסצולערנען אין פֿאָרויס. באַם באַרופֿענעם רעדנער אַרבעט זיך מיט דער צײַט אויס אַ ספּעציעלער חוש, וואָס זאָגט אים שוין אונטער, וואָס און ווי ער האָט צו טון. פֿון דעם, צי אים געלינגט גלײַך, פֿון די ערשטע ווערטער, צו נעמען דעם ריכטיקן טאָן, איז אָפּהענגיק דער דערפֿאָלג פֿון דער גאַנצער רעדע.

פֿאַר אַ נאָרמאַל געבויטער רעדע קאָן אָנגענומען ווערן פֿאַר אַ כּלל, אַז דער אָנהייב דאַרף צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די צוהערער, דער מיטן דאַרף רעדן צו זייער פֿאַרשטאַנד און דער סוף מוז אַרויסרופֿן אַפּלאָדיסמענטן, ד. ה. טרעפֿן צו די געפֿילן און סענטימענטן פֿון די פֿאַרזאַמלטע.

וויכטיק איז, אַז שוין פֿון די ערשטע ווערטער זאָל דער צוהערער האָבן דעם אײַנדרוק, אַז עס רעדט צו אים אַ פֿאַכמאַן, נישט קיין דילעטאַנט, דאָס ציט צו די אויפֿמערקזאַמקייט און שאַפֿט צוטרוי צו די ווײַטערדיקע אויספֿירונגען פֿון רעדנער. פֿערדינאַנד לאַסאַל פֿלעגט קומען צו זײַנע עפֿענטלעכע אַרויסטרעטונגען מיט פּעק גראָבע פֿאָליאַנטן. די אוידיטאָריע פֿלעגט גלײַך באַקומען

דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע וויסנשאַפט פון דער וועלט איז אויף דער זייט פון רעדנער.

דער וויכטיקסטער מאָמענט אין אַ רעדע איז דאַן, ווען דער רעדנער דערפילט, אַז צווישן אים און דער אוידיטאָריע האָט זיך איינגעשטעלט אַן אינטימער קאָנטאַקט, אָפטמאָל פילט עס דער רעדנער אַפילו פיזיש: עס ווערט אים מיטאַמאָל מאָדנע אָנגענעם און לייכט צו רעדן. אויב די רעדע איז שוין אין סאַמע מיטן, אַ העלפט פון דער באַשטימטער צייט איז שוין אַוועק, און דער רעדנער פילט נאָך נישט דעמדאָזיקן קאָנטאַקט — איז שלעכט! דאַן איז נייטיק אַ „העראָאישע" אָנשטרענגונג, מען מוז ר אַ ד י ק אַ ל ענדערן דעם אופן פון רעדן, פאַר יעדן פרייז פרוּוון דעם קאָנטאַקט צו שאַפן. ווי דאָס צו טון — דערויף זענען קיין פאַרטיקע רעצעפטן נישט פאַראַן.

דער בוי פון אַ רעדע דאַרף זיין אַ לייכטער, אַ פאַרשטענדלעכער, אַ לאָגישער. דער מיטן דאַרף אַרויספליסן פון אָנהייב, דער סוף דאַרף אָרגאַניש זיין פאַרבונדן מיטן מיטן. מ'דאַרף פאַר יעדן פרייז אויסמיידן געקינצלטקייט און פשטלעך. פאַראַן רעדנער, וועלכע האָבן ליב די איינפאַכסטע זאַך אונטערטראָגן אין אַ „פילאָזאָפישער באַלייכטונג". זיי פאַרטראָגן נישט דעם פשוטן, גראַדן וועג. מיט דער רעכטער האַנט צום לינקן אויער — דאָס איז זייער דרך. זיי גלייבן אויף אַזאַ אופן אַ גלאַנץ צו טון פאַרן צעטומלטן עולם מיט זייער טאַלענט און געלערנטקייט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער דערגרייכן זיי דערמיט בלויז דאָס, אַז די מבינים, וואָס זענען פאַראַן צווישן די צוהערער, דערקענען גלייך, וואָס פאַר אַ פרי דער רעדנער איז, און נישט מבינים ווערן סתם פאַרמאַטערט פון די אומנייטיקע חקירות...

ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „ס'איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי אויסצודריקן זיך אַזוי, אַז קיין בן־אדם זאָל דיך נישט פאַרשטיין". אַ סך שווערער „איז אָבער אויסצודריקן זיך אַזוי, אַז קאָמפּליצירטע, פאַרפּלאָנטערטע ענינים זאָלן ווערן פאַרשטענדלעך פאַר יעדן מענטש". דאָסדאָזיקע קלוגע וואָרט דאַרף יעדער רעדנער גוט נעמען אין אַכט: נאָר נישט רעדן „טיף וויסנ־

שאַפּטלעך", אומקלאָר און פאַרנעפּלט. ווײַל מען גוט רעדן, דאַרף מען רעדן אײנפאַך און פאַרשטענדלעך. און אויסמײַדן פרעמדווער־טער און פאַרוויקלטע צווײדײַטיקע אויסדריקן.

מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געהאַט די גע־לעגנהייט צו באַמערקן, אַז אין דער צוגעגרייטסטער רעדע מוז זיך געפינען אויך דער מאָמענט פון אימפּראָוויזאַציע. אין אַ גוטער רעדע איז עס פּשוט אומפאַרמײַדלעך. מען טאָר נישט צוגיין מיט אַ פאַרטיקן שאַבלאָן צו דער אוידיטאָריע. אין דער לעצטער מינוט, שוין שטייענדיק אויף דער טריבונע, דאַרף אַ רעדנער צופּאַסן זײַן צוגעגרייטע רעדע צו דעם עולם, וואָס ער האָט פאַר זיך.

כּדי ריכטיק צו בויען אַ רעדע, דאַרף מען זיך אויך אָפּ־געבן אַ חשבון אויף וואָס מען וויל דער עיקר ווירקן: אויפן פאַר־שטאַנד, אויפן געפיל אָדער אויפן ווילן פון די צוהערער. דאָס האָט אַ סך צו זאָגן.

און לסוף: יעדע „אימפּראָוויזירטע" רעדע מוז זײַן פון לכתחילה גוט צוגעגרייט, און יעדע צוגעגרייטע רעדע מוז דעם עולם צוגעטראָגן ווערן ווי אַן אימפּראָוויזאַציע.

VI.

בוי און אינהאַלט.

וועגן יעדער טעמע לאָזט זיך רעדן אָן אַ שיעור, כּמעט אומ־ענדלעך. מ׳קאָן אָנהייבן פון בראשית, שילדערן די אַנטוויקלונג פון געגנשטאַנד, באַרירן דערביי פּלערליי שכנותדיקע געביטן, זיך אַריינלאָזן אין הקדמות און זייטיקע אגב אורחאדיקע באַמערקונגען א. אַ. וו. א. ד. ג. אָבער יעדער רעדנער איז באַגרענעצט אין זיין צייט. און נישט צוליב אויסערלעכע טעכנישע סיבות, נאָר אויך צוליב אינערלעכע: כּדי די רעדע זאָל זייןווירקלעך גוט, ד. ה. כּדי זי זאָל מאַקסימאַל ווירקן אויף די צוהערער, טאָר זי נישט דויערן מער, ווי אַ באַשטימטע צייט. דויערט זי לענגער, קאָן שוין דער צוהערער נישט זיין גענוג אויפמערקזאַם, מוז ער זיך אָנהייבן מאַטערן, לאַנגווייליקן...

דער׳פון דרינגט אָט וואָס אַרויס: אַז דער רעדנער מוז פון אַלע אָן אַ שיעור מעגלעכע וואַריאַציעס אויף זיין טעמע, פון דעם ריזיקן מאַטעריאַל אויסקליבן דאָס בעסטע, דאָס ווירקזאַמ־סטע, דאָס פאַרביקסקע און עפעקטפולסטע. אין דעמדאָזיקן אָפּקלייב, וואָס יעדער רעדנער מוז מאַכן, דריקט זיך אויס זיין געשמאַק, זיין פאַרשטענדעניש פאַר דער אוידיטאָריע, זיין געפיל פון טאַקט און מאָס, קורץ — זיין טאַלענט.

דעם אמתן רעדנער, דעם מייסטער, דערקענט מען טאַקע קודם־כּל לויט דעם אויסוואַל, וואָס ער מאַכט פונם מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין זיין רשות. קאָנען באַגרעניצן די רעדע מיט

די וויכטיקסטע, קערנדיקסטע געדאַנקען און מאָמענטן — דאָס איז דער ערשטער סימן פון אַ גוטן רעדנער.

דאָס רעדן טאָר נישט זיין ענלעך צו אַ וואַסער, וואָס האָט פאַרלאָזט די ברעגן און פלייצט און צעגיסט זיך אויף מיילן ווייט. אוודאי — לאָזט אַמאָל אַ פאַרפלייצונג איבער נאָך זיך נישט נאָר זאַמד און בלאָטע, נאָר אויך טייערסטע פערל, וואָס שטאַמען פון די ים־טיפענישן. פאַר אַ רעדנער אָבער איז דאָס ווייניק: ער דאַרף לכתחילה פרובירן באַפרייען די פערלדיקע געדאַנקען און בילדער פון וואַסער און זאַמד און צוטראָגן זיי די צוהערער אין אַ דורכגעטראַכטער, געלייטערטער, געשליפענער פאָרם.

זעלבסטבאַגרעניצונג און שטרענגער אָפּקלייב פון מאַטעריאַל איז, אַלזאָ, דער ערשטער געבאָט פאַר אַ רעדנער.

וואָלטער פלעגט טענהן: „ווען אַלץ זאָגן איז דער סוד פון לאַנגווייליקייט". צי קאָן פאַר אַ רעדנער זיין אַ גרעסער אומגליק, ווי זיין לאַנגווייליק?...

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ווען דער רעדנער „שטעלט זיך די אויפגאַבע אויסצושעפּן די טעמע, דערגרייכט ער אין דער ווירקלעכקייט איין זאַך — ער שעפּט אויס די צוהערער!" *) איר גייט דאַן אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג אַ פאַרמאַטערטער, אַ מידער, מיט אַ פאַרדרוס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איר האָט זיך קאַליע געמאַכט דעם אָוונט, אָדער דעם פרימאָרגן, אַ צווייט מאָל וועט איר שוין מסתמא דעמדאָזיקן „גזלן" נישט גיין הערן.

די געלונגענסטע רעדעס זענען די, בא וועלכע דער צוהערער געדענקט נישט מער וועגן רעדנער און פאַרגעסט וועגן זיין קונסט. אַוועקגייענדיק פון אַ פאָרלעזונג, צי פון אַ מיטינג, דאַרף דער עולם זיין פאַרכאַפּט פון אינהאַלט, באַאיינפלוסט פון די נייע געדאַנקען, טראַכטן וועגן געזאָגטן און נישט וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז געוואָרן געזאָגט.

מען דערציילט, אַז נאָך ציצעראָנס אַרויסטרעטונגען פלעגט

---

*) Ad. Damaschke.

גאַנץ רוים רעדן וועגן באַגאַבטן רעדנער און זיין אויסגעצייכנטער רעדע; נאָך דעמאָסטענעסעס אַן אַרויסטרעטונג האָט קיינער וועגן רעדנער נישט דערמאָנט, אָבער גאַנץ אַטען איז געווען ווי שיכור, און אין אַלע גאַסן האָט געקלונגען: „בירגער, באַוואָפנט אייך — מ׳מוז אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון די מאַקעדאָנער״!

אין ערשטן פאַל איז די פאָרם געווען „צו גוט״. די אויסערלעכע זייט פון דער רעדע האָט געצויגן אויף זיך צופיל אויפמערקזאַמקייט. אין דעם איז געווען איר פעלער. אין צווייטן פאַל האָט דער רעדנער דערגרייכט די העכסטע מדרגה: מ׳האָט וועגן אים פאַרגעסן. אָבער דער אינהאַלט פון זיין רעדע האָט אָנגעצונדן דעם ווילן צו טאַט בא זיינע צוהערער.

אין „אַרבעטער לוח״ פאַרן יאָר 1924 (אויסגאַבע „די וועלט״, וואַרשע) דערציילט ח׳ קלמן קאַמאַשנמאַכער*) זיינע דערינערונגען וועגן איינעם פון די שענסטע רעדנער, וואָס די יידישע אַרבעטערבאַוועגונג האָט פאַרמאָגט — וועגן וולאַדימיר מעדעם. די זכרונות הייסן „צוויי מאָמענטן, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן״. ח׳ קלמן דערציילט, וואָס פאַר אַן איינדרוק אויף אים האָט געמאַכט וול. מעדעמס אַ רעדע, גלייך נאָכדעם ווי ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע און קייזער ווילהעלם איז אַראָפּגעזעצט פון טראָן. וועגן מעדעמען דעם קינסטלער, דעם פון גאָט־געזאַלבטן אַרטיסט, וועגן מעדעמען, וואָס זיין געשטאַלט פלעגט געוויינטלעך זיך אויף חדשים איינקריצן אין זכרון פון זיינע צוהערער — וועגן אים האָט אין יענעם מאָמענט, נאָך דער דעמאָלטיקער רעדע, קיינער נישט געטראַכט. אַלע אָבער זענען געווען פאַרכאַפּט, שיכור פון זיינע לעצטע ווערטער: „די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז די רעוואָלוציע אין וואַרשע״! — און מען איז גרייט געווען זיך וואַרפן אין פייער אַריין פאַר דער רעוואָלוציע!

דאָס איז די העכסטע מדרגה פון דערפאָלג פאַר אַ רעדנער.

---

*) קלמן רובינשטיין, געשטאָרבן אין מערץ 1926 אין וואַרשע.

VII.

רעדנער און צוהערער

עס איז אונז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו באַמערקן, אַז פאַרן דערפאָלג פון אַ רעדע איז זייער וויכטיק, דעם רעדנער זאָל וואָס שנעלער געלינגען דורכצוברעכן די וואַנט פון גלייכגילט מצד דער אוידיטאָריע, אַרויסרופן צו זיך אַ געפיל פון אַכטונג, אויב מעגלעך — פון אָנערקענונג און ליבע. ס'איז נישט מעגלעך צו ווירקן אויף גרויסע מאַסן, אויב זיי זענען אין אַ צושטאַנד פון פיינטלעכער גלייכגילטיקייט.

אָבער די באַציונג פון צוהערער צום רעדנער איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי דער רעדנער באַציט זיך צו זיי. אפילו אין פּריוואַטע באַציונגען פון מענטש צו מענטש טרעפט זיך זייער זעלטן, מ'זאָל פילן אַכטונג צו דעם, וועלכער פילט צו דיר פאַראַכטונג, מ'זאָל ליב האָבן דעם, וועלכער איז צו דיר פיינטלעך אָדער גלייכגילטיק. געוויינטלעך געשטאַלטן זיך די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש לויטן כּלל פון קעגנזייטיקייט: מיט וואָס פאַר אַ מטבע דו צאָלסט מיר — מיט דער זעלבער צאָל איך דיר. דערדאָזיקער כּלל איז אָבער נאָך מער ריכטיק אין באַצוג צו גרויסע מאַסן, און באַזונדערס ווען ס'האַנדלט זיך וועגן צוהערער און רעדנער. אַ רעדנער, וואָס האָט אַליין נישט קיין געהעריקע באַציונג צום עולם, וואָס פילט נישט קיין אינערלעכע אַכטונג צו זיינע צוהערער, נאָר ער „פּייפט" אויף זיי — אַזאַ רעדנער וועט קיינמאָל נישט פילן קיין ליבע צו זיך אָדער דרך ארץ מצד זיין אוידיטאָריע. און טרעפט איר רעדנער, וועלכע קאָקעטירן

מיט זייער פּלומרשטער גלייכגילטיקייט צום „משפּט פון המון" און האַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז זיי גייט נישט אָן, וואָס די מאַסע רעדט און טראַכט וועגן זיי א. א. וו. א. א. וו. און דאָך זענען זיי באַ־ליבט באַם עולם און האָבן דערפאָלג — זאָלט איר זיי גאָר פּשוט נישט גלייבן; די אויסערלעכע פאַראַכטונג צום עולם, וועגן וועל־כער זיי דערציילן אייך, איז בלויז אַ מיטל צו מאַסקירן זייערע אמתע געפילן, זייער אינערלעכע ציטערניש ערב יעדער אַרויסטרע־טונג, זייער טיפע מורא פאַרן פּסק־דין פון דער אוידיטאָריע.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער דאָס באַקאַנטע ווערטל פון רוסישן פאַבל־שרייבער קרילאָוו: „די קוקאַווקע לויבט דעם האָן, ווייל דער האָן לויבט די קוקאָווקע" האָט גאָר אַ היפּשע שייכות צו דער באַציונג צווישן צוהערער און רעדנער. דער אמתער רעדנער מוז זיך אומבאַדינגט דערמיט רעכענען. נישט אומזיסט זאָגט ג ע ט ע: „ווער עס רעדט לאַנג פאַר אַן עולם און ש מ יי כ ל ט אים נישט צו — מוז אַרויסרופן אַ ווידערווילן צו זיך".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס „שמייכלען" טאָר נישט אַריבערשטייגן באַוווסטע גרענעצן. פיל „שמייכלען" פאַרוואַנדלט זיך לייכט אין פאַלשקייט און צביעות. די אוידיטאָריע איז זייער פילבאַר, זי דערפילט גלייך די פאַלשקייט און צביעות, ווי קונציק מ׳זאָל זיי נישט מאַסקירן.

עס זענען דערביי פאַראַן אייניקע כּללים, וועלכע מ׳קאָן דרייסט רעקאָמענדירן אַלעמען. וואָס טרעטן אַרויס עפנטלעך.

קודם־כּל איז נישטאָ קיין שום געבאָט, אַז אַ רעדנער מוז שטענדיק זאָגן די צוהערער אַ ל ץ, וואָס ער האַלט פאַר ריכטיק, הגם אַ ל ץ, וואָס ער זאָגט, מוז בלי־ספק זיין אמת. ווער ס׳פאַרגעסט וועגן דעם כּלל, איז אפשר אַ גוטער מוסר־זאָגער, אָבער זיכער אַ שלעכטער רעדנער. און אפילו דעם אמת, וואָס דער רעדנער האַלט שוין יאָ פאַר נויטיק צו זאָגן זיינע צוהערער, דאַרף ער אויך וויסן, ווי אַ ז וי אים צו זאָגן. ס׳איז פאַלש צו האַלטן, אַז דעם אמת דאַרף מען תמיד זאָגן דעם צוהערער דווקא אין דער שאַרפ־סטער פאָרם. פאַרקערט: זאָגט מען אַ נישט־אנגענעמען אמת, איז

גלייכער זיך באַמיען דאָס צו טון אין וואָס אַ לייכטערער פאָרם, כדי עס זאָל דעם צוהערער נישט אַזוי באַליידיקן, נישט אַזוי ווי טון און נישט אַזוי אויפרייצן. כדי די זאַך זאָל ווערן אינגאַנצן קלאָר, וועלן מיר ברענגען אַ משל:

דעם קאַליף האַרון־אַל־ראַשיד האָט זיך אַמאָל געחלומט, אַז אַלע ציין זענען אים פּלוצלינג אַרויסגעפאַלן. לויטן מנהג פון די אָריענטאַלישע פעלקער, האָט ער גלייך געשיקט רופן צו זיך די גדולי־הדור, די חכמים און נביאים פון זיין לאַנד, זיי זאָלן אים פּותר־חלום זיין. ער האָט זיי דערציילט זיין חלום און געפרעגט, וואָס ער באַדייט. אין גרויס פאַרלעגנהייט האָבן זיך די פאַרזאַמלטע איבערגעקוקט; די זאַך איז געווען קלאָר — דער טייטש האָט גע־קאָנט זיין נאָר איינער. דער עלטסטער צווישן די חכמים האָט זיך דעצידירט און איבערגעריסן דאָס פּיינלעכע שווייגן; מיט אַ טרוי־עריקער שטים האָט ער אָנגעהויבן: „אָ, ליכטיקער קאַליף — צו וואָס באַהאַלטן! כ'מוז דיר אָנזאָגן אַ שוידערלעכע בשורה: יעדער אַרויסגעפאַלענער צאָן באַדייט אַ נאָענטן, וועלכער וועט דיר אָפּ־שטאַרבן. דו וועסט אַלע דיינע נאָענטע און ליבסטע באַגראָבן, און קיינער וועט דיר נישט פאַרבלייבן". —

דער קאַליף איז געוואָרן שרעקלעך אין כעס, און גלייך באַפוילן צו באַשטראָפן דעם אומגליקלעכן פּותר־חלומניק מיט 100 שמיץ.

— וואָס באַדייט מיין חלום? — האָט נאָכאַמאָל דער קאַ־ליף געפרעגט בא די פאַרזאַמלטע.

נאָך אַ קורצער הפסקה טרעט ווידער אַרויס איינער און זאָגט מיט אַ פריידיקער שטים: „אָ, גנעדיקער קאַליף! אַללאַך האָט זיך אין די הימלען מרחם געווען איבער אונזער אָרעם פאָלק. אין זיין אומענדלעכער גרויסקייט און חכמה האָט ער באַשלאָסן דיך צו דערהאַלטן וואָס לענגער באַם לעבן, דו זאָלסט איבערלעבן אַלע אָרומיקע, כדי צו קאָנען אונז אַלעמען באַשענקען מיט אַל־דאָס־גוטס, וואָס דו פאַרמאָגסט".

דער קאַליף האָט זיך שטאַרק דערפרייט, און האָט באַפוילן

או יסצוצאָלן דעם גערעכטענעם חלום־טרעפער 100 גילדענע רענדלעך".*)

אין תוך גענומען, האָבן ביידע „חכמים" גלייך אויסגעטייטשט דעם בייזן חלום. די נפקא מינה איז מער נישט אין דער פאָרם: איינער האָט געהאַקט, אַזוי צו זאָגן, האַלץ, און האָט געזאָגט דעם אמת אין דער שאַרפסטער פאָרם. דער צווייטער האָט די זעלבע זאַך געזאָגט אין אַ ווייכער, פיינער פאָרם, ער האָט באַגילדט די פּיל. דער ערשטער האָט באַקומען שמיץ, דער צווייטער — גילדענע רענדלעך. און מען מוז מודה זיין, אַז ביידע האָבן זייער לוין כשר פאַרדינט. יעדער רעדנער וועט אַזוי לאַנג באַקומען שמיץ פון זיין אוידיטאָריע, ביז ער וועט זיך נישט אויסלערנען צו געפינען פאַר זיינע געדאַנקען די באַקוועמסטע (פאַר די צוהערער) פאָרם, ביז ער וועט זיך נישט אָפּגעוויינען פון צו זאָגן דעם אמת אין אַ נאַקעטער, ברוטאַלער, רייצנדיקער פאָרם.

נישטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר אַ רעדנער, ווי צוצוגיין צו יעדער אוידיטאָריע מיטן זעלבן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרטיקן און איינגעחזרטן שאַבלאָן, וואָס ווייניקער שאַבלאָן, אַלץ בעסער. אַ רעדנער מוז קענען זיינע צוהערער, וויסן ווער זיי זענען — און באַמיען זיך צו געפינען ווערטער און בילדער, וואָס זאָלן גראָד דער געגעבענער אוידיטאָריע זיין אַממערסטן נאָענט און פאַרשטענדלעך. צו דעם צוועק איז זייער גוט אָנצוקניפּן אין דערשיינונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון די צוהערער, צו זייער פאַך, צו זייער נאָענטער סביבה. מיר דערמאָנט זיך אַ פאַל, וועלכן כ'האָב אַליין דורכגעלעבט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אויף אַ וואַל־פאַרזאַמלונג פון טרעגער־אַרבעטער.

ס'זענען געווען שטאָט־ראַט־וואַלן. ווי דער שטייגער איז, האָב איך זיך געפלייסט צו איבערצייגן מיינע צוהערער, אַז זיי

*) פון „טויזנט און איין נאַכט".

דאַרפֿן זיין פֿאַרבונדן מיטן גאַנצן אַרבעטער־כּלל און שטימען פֿאַר די קאַנדידאַטן פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס קעמפֿט פֿאַרן סאָציאַליזם. כ׳האָב שוין גערעדט אַ גוטע שעה, אָבער געפֿילט האָב איך, אַז איך רעד צום לאָמפּ. דער עולם איז געווען פֿאַרמאַטערט פֿון מיינע גוטע באַווייזן, אויסגעשעפּט, און... געוואַרט אויפֿן סוף. פּלוצלינג איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק: כ׳האָב איבערגעריסן דעם געווייטנלעכן שאַבלאָן פֿון אַ וואַל־רעדע, און גענומען שילדערן, ווי אַזוי אַ גביר, אַ מאַנופֿאַקטור־סוחר, אַ פֿרומער אָרטאָדאָקסישער ייד, רעדט צום טרעגער־אַרבעטער: „אַלץ איז פֿון גאָט. אַלץ איז פֿון אייבערשטן. יעדער האָט זיך זיין פּעקל צרות. איך האָב אַ קראַם מיט לייוונט, געוואַנט און אַנדערע מאַנופֿאַקטור, וועלכע כ׳מוז אַ גאַנצן טאָג פֿאַרקויפֿן. דו ווידער האָסט אַ געזונטע פּלייצע צו טראָגן די פֿאַרקויפֿטע פּעקלעך. ווייסט דען נישט דער השם־יתברך וואָס ער טוט? דו טוסט זײַך דיינס, און איך מיינס. איך קויף די פּעקלעך אַ גאַנץ לעבן און דו שלעפּסט די פּעקלעך אַ גאַנץ לעבן א. א. וו.״ —

כ׳האָב תּיכּף דערפֿילט, ווי דער עולם האָט אויפֿגעלעבט. די אויגן האָבן זיך באַ מיינע צוהערער אָנגעצונדן, ערשט יעצט האָבן זיי אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, וואָס כ׳וויל פֿון זיי, און אַ צופֿרידן בעלעכטער האָט זיך דערהערט אין זאַל. מיר איז אויך פֿרישע כּוחות צוגעקומען, — און פֿאַרענדיקט האָב איך באַ אַן אמת געהויבענער שטימונג. די וואַל־פֿאַרזאַמלונג האָט זיך גוט איינגעגעבן!

באַ אַלע זיינע מעלות, האָט אָבער דערדאָזיקער מעטאָד אויך אַ גרויסן חסרון: באַנוצט מען זיך אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאַך־לייט מיט ביישפּילן און בילדער פֿון זייער ספּעציאַליטעט, איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי לאָזן די צוהערער דערקענען, אַז דער רעדנער איז נישט אַזוי גרינטלעך באַהאַוונט אין זייער באַרוף. דעם מינדעסטן טעות וועט אַזאַ צוהערער קיינמאָל נישט מוחל זיין, ער פֿאַרלירט גלייך דעם צוטרוי צום רעדנער. דער געדאַנקען־גאַנג איז דאָ אַ גאַנץ פּשוטער: אויב דער רעדנער רעדט וועגן פֿאַך־זאַכן ווי אַן עם הארץ — מסתּמא איז פּונקט אַזוי אויבערפֿלעכלעך

אַלץ וואָס ער זאָגט. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון אַזאַ פאַל: אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, ווו ס'איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן גרינדן אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו — איז אַרויסגעטרעטן אַן אָנגעזעענער טוער, אַגב אויך אַ גוטער רעדנער. אים האָט זיך אָבער פאַרוואָלט אילוסטרירן זיין געדאַנק מיט ביי־שפּילן פון דער גאַרבער־פּראָדוקציע, וועגן וועלכער ער האָט, דעם אמת זאָגנדיק, טאַקע זייער ווייניק געוווּסט. אַן אינטעליגענטער, אַלטער גאַרבער־אַרבעטער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, און מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג אַ זאָג געטון: „ער הייבט דאָך נישט אָן צו וויסן, וואָס אַ שטיקל לעדער איז!...” דער גורל פון דער רעדע איז שוין געווען געחתמעט. וואָס דער רעדנער האָט שוין ווייטער נישט געזאָגט, האָט ער שוין נישט געקאָנט איבערצייגן; ער הייבט דאָך נישט אָן צו וויסן, וואָס אַ שטיקל לעדער איז!

פאַראַן רעדנער, וואָס הייבן געוויינטלעך אָן מיט אַ מין מחילה בעטן בײַ דער אודיטאָריע פאַר זייער דרייסטקייט, וואָס נעמען גלייך אַ טאָן פון „ווער בין איך, און וואָס בין איך” „אַזאַ מענטש, ווי איר אַלע” א. אַ. וו. א. אַ. וו. אַזאַ שטעלן זיך אויף איין ברעט מיט די צוהערער, זיך אַליין מאַכן וואָס קלענער, איז בפירוש אַ פעלער. אַן עולם, וואָס קומט הערן אַ רעדנער, גיט אויס דערויף צייט, און אָפט געלט, וויל ער, ס'זאָל זיין וואָס צו הערן. דער אודיטאָריע קאָן נישט אימפּאָנירן, אַז דער רעדנער איז נישט מער ווי אַ דורכשניטלעכער מענטש, אַ מענטש, ווי איר אַלע א. ד. ג. מ'דאַרף נישט בלאָזן פון זיך, גרויס האַלטן זיך, אָבער מ'דאַרף אויך נישט ספּעציעל קליין האַלטן זיך. צוהערער מוזן האָבן צום רעדנער געהעריקן דרך־ארץ.

VIII.

די איוסערלעכקייט בעת אַן עפנטלעכן אַרויסטריט.

(קליידונג, זאַל, טריבונע)

אַ גאַנצע רייע אויסערלעכע מאָמענטן קאָנען ווירקן אויפן דערפאָלג אָדער אומדערפאָלג פון אַ רעדע. גאַנץ אָפט איז דער דערפאָלג פון אַ רעדנער, באַזונדערס פון אַן אָנפאַנגער, מער אָפּהענגיק פון אַזעלכע אויסערלעכקייטן, ווי פון אינהאַלט פון דער רעדע גופא. וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון די אויסערלעכע מאָמענטן ווייסן זייער גוט אַרטיסטן און רעזשיסערן. זעלטן אָבער ווען אונזערע רעדנער, אָדער די, וואָס אַרדנען איין די אַרויסטרעטונגען, האָבן די נייטיקע פאַרשטענדעניש דערפאַר.

רעד איך וועגן די אויסערלעכע מאָמענטן, האָב איך קודם כל אין זינען דעם אויסזען פון רעדנער (זיין קליידונג, דעם זאַל און די טריבונע).

ווי דאַרף זיין אָנגעטון אַ רעדנער? בעת עמיץ באַווייזט זיך צווישן מענטשן (גייט אין טעאַטער, צי אויף אַן אָוונט), בעת עמיץ גייט צו געסט און וויל אונטערשטרייכן זיין אַכטונג צו דעם, וועמען ער שטאַט אָפּ דעם וויזיט — וועט ער אַראָפּלייגן פון זיך די אַרבעטס־קליידער און אָנטון זיין יום־טובדיקן בגד. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי וויכטיק עס איז פאַרן רעדנער אונטערצושטרייכן זיין דרך־ארץ פאַר דער אודיטאָריע, ווייל פון דעם איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק די אַכטונג פון דער אודיטאָריע צו אים. איז אָט, דער ערשטער שריט אויף דעם וועג איז — קומען צו דער אודיטאָריע **אָנשטענדיק אָנגעטון**. אַ רעדנער, וואָס

טרעט אַרויס פאַרן עולם אין זיין געוויינטלעכן אַרבעטס־מלבוש טראָגט דערמיט אַליין אַריין וואָכעדיקייט, אַלטעגלעכקייט אין דער שטימונג פון דער אוידיטאָריע. ער דאַרף דאַן ספּעציעל אַרבעטן, כּדי מיט זיין רעדן ענדערן די דאָזיקע שטימונג. אַ גענײטער רעדנער וועט זיך שטענדיק באַמיען צו זיין אויף דער טריבונע אָנגעטון יום־טובדיקער, ווי געוויינטלעך. אויב ער איז נישט אימשטאַנד איינגאַנצן זיך איבערצוטון, וועט ער לכל הפּחות מיט עפּעס וואָס (מיט אַ פרישן קראַגן, בינדע א. אַ. וו.) אונטערשטרייכן זיין זאָרג פאַרן אויסערלעכן אויסזעען.

נאָך פון איין שטאַנדפּונקט איז נייטיק, אַז דער רעדנער זאָל זאָרגן פאַר זיין קליידונג: דער צוהערער איז דאָך „פאַרמשפּט" אין משך פון אַ שעה אַנדערטהאַלבן, און אַמאָל לענגער, צו קוקן אומאויפהערלעך אויפן רעדנער! ס'טאָר דערום אין אָנצוג פון רעדנער נישט זיין גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל באַליידיקן דעם נאַטירלעכן עסטעטישן געפיל פון אַ נאָרמאַלן מענטש.

אוודאי וועט דער רעדנער באַקומען הייסע אַפּלאָדיסמענטן נישט פאַר זיין אָנצוג, נאָר פאַר זיין רעדע. אָבער באַגעגענען דעם רעדנער וועט מען נישט אַזוי לויט זיינע רייד (מען האַלט דאָך נאָך ערב דער רעדע), נאָר לויט זיין אויסערלעכן אויסזען. דאָס רוסישע פאָלקסווערטל: „ליטן בגד באַגעגנט מען אַ מענטש, ליטן שכל באַגלייט מען אים אַרויס" איז ווי ספּעציעל באַשטעלט פאַרן רעדנער.

נאָכאַמאָל גענומען, דאַרפן אין אָנצוג פון רעדנער נישט זיין קיין שום אויפפאַלנדיקע איינצלהייטן, וואָס זאָלן ספּעציעל צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אוידיטאָריע. מ'דאַרף שטרעבן דערצו, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער זאָל זיין אויסשליסלעך קאָנצענטרירט דערויף, וואָס מען רעדט, און נישט, ווער עס רעדט. עס זענען אָבער פאַראַן פאַלן, ווען מ'דאַרף זיך נישט האַלטן באַ דעם דאָזיקן כּלל, ווען פאַרן דערפאָלג פון דער אַרויסטרעטונג איז נייטיק, דער רעדנער זאָל שוין דורך זיין אויסערלעכן אויסזען צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון עולם. דאָס איז

געווייטלעך דאַן, ווען מען לייגט לכתחילה דעם הויפּט־געוויכט נישט אויפן אינהאַלט פון דער רעדע, נאָר אויפן פּאַק פון דער אַרויס־טרעטונג גופא, ווען די אַרויסטרעטונג אַליין איז שוין אַ דעמאָנסטראַ־ציע. בעת דער רעדנער ריכט זיך אויף אַ פיינטלעכער אויפנאַמע, אָדער אויף אַ גלייכגילטיקער באַציִונג מצד דעם זאַל — איז אויך אַמאָל ראַטזאַם אַזוי אינסצעניזירן די אַרויסטרעטונג, אַז דער אוי־סערלעכער עפעקט זאָל גלייך צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון זאַל. מיר דערמאַנט זיך אַ פאַל פון יאָר 1917 אין וואַרשע, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען ס'זענען באַשטימט געוואָרן די ערשטע שטאָט־ראַט וואַלן. בונד און „פּ. פּ. ס. לעוויצאַ" זענען געגאַנגען צו די וואַלן געמיינזאַם, אונטערן נאָמען „סאָציאַליסטי־שער וואַל־בלאָק". דער בלאָק פלעגט אין אַלע עקן שטאָט — ווו ס'איז נאָר געווען צו קריגן אַ גרעסערן זאַל — אָפּהאַלטן מאַסן־מי־טינגען. אויף די דאָזיקע וואַל־מיטינגען פלעגן אַרויסטרעטן אָפּאָ־נענטן פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי פּ. ס. ד. ק., פּ. י. ל., פּ. פּ. ס־פראַקעס, א. א. וו. אויף איינעם אַ מיטינג האָט זיך געמאָלדן צום וואָרט אַ רעדנער, וואָס איז קיינעם פון אונז נישט געווען באַקאַנט. גיך האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַ פּאַר־שטייער פון אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע, און ער האָט דאָס וואָרט באַ־קומען. אויף דער טריבונע באַווייזט זיך אַ בלאַסער יינגערמאַן, אָנגעטון אינגאַנצן אין שוואַרצן, מיט אַ בלוט־רויטער רויז אין לאַץ, אין האַנט — אַ בוך אין אַ שוואַרצן איינבונד. די בלייכקייט פון פּנים, וועלכע האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אַ דאַנק דעם שוואַרצן אָנצוג, דער רויטער פלעק אויפן שוואַרצן פאָן, דער קאָנ־טראַסט צווישן דער בלאַס־ווייסער האַנט און שוואַרצן בוך — די גאַנצע אויסערלעכקייט פון רעדנער איז געווען אַזוי עפעקטפול, אַזוי טעאַטראַליש, אַז דער זאַל איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן אין דערוואַרטונג... די רעדע זיינע איז, פאַרשטייט זיך, געווען מסוגל בלויז אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון זיין דערשיינען אויף דער בינע. אַפּנים, ער האָט דאָס אַליין געוווסט, ווייל גערעדט האָט ער זייער קורץ. אָבער דער פאַקט גופא פון זיין אַרויסטרעטן האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון: יעצט אין 10 יאָר אַרום

זע איך אים נאָך ווי אַ לעבעדיקן פאַר די אויגן, הגם וואָס ער האָט געזאָגט, געדענק איך שוין נישט!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַלע כּללים זענען ריכטיק נאָר אַזוי לאַנג, כּל-זמן מען כאַפּט נישט אַריבער די מאָס. למשל, אַ רעדנער דאַרף שטרעבן צו גיין אָנשטענדיק אָנגעטון. אָבער זיך ספּעציעל אויספּוצן איז אויך נישט קיין מעלה, ערשטנס, באַווייזט דאָס, אַז דער רעדנער שענקט צו פיל אויפמערקזאַמקייט זיין אייגענער פּערזאָן. אַ מאָסע פאַרלאַנגט אָבער, אַז מען זאָל זיך מיט איר אָפּגעבן, און נישט זיין צו פיל פאַרנומען מיט זיך אַליין. די אוידיטאָריע איז אייפערזיכטיק*). צווייטנס — צו מענטשן, וואָס האַלטן זיך „אין איין פּוצן" איז פאַראַן אַ ספּעציעלע באַציונג. מ'האַלט זיי פאַר אַ ביסל לייכטזיניק, פאַר נישט גענוג ערנסט. אַ רעדנער מיט אַזאַ רעפּוטאַציע — גייט אויף אַ זיכערן דורכפאַל.

עס זענען פאַראַן ווידער אַרויסטרעטונגען, צו וועלכע דער רעדנער דאַרף זיין נישט סתּם אָנשטענדיק אָנגעטון, נאָר אַנטשפּרעכנדיק אָנגעטון. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַן אויסגעמאַטערטע, פאַרשטויבטע, דורכגעזאַפּטע מיט פרישן פּולווער-רויך אַרמיי, וועלכע איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ שלאַכט און פאַלט פון די פיס פון מידקייט, חלשט נאָך אָפּרו. מען מוז אָבער דידאָזיקע מחנה פאַר יעדן פּרייז באַגייסטערן צו אַ תּיכּפדיקער נייער אָנשטרענגונג, צו אַ נייער שלאַכט, נאָך איידער זי רוט אָפּ.

כּדי צו דערוועקן דעם נויטיקן ענטוזיאַזם בײַ דער אַרמיי, טרעט אַרויס אַ רעדנער, אָנגעטון ווי אויף אַ באַל: הויזן — אַקאָרשט פון פּרעס-אייזן, מיט אַלע קנייטשן. אַ ווייסע וועסט. אַ

---

*) אַ דערש איז בײַ אַרטיסטקעס אין טעאַטער: וואָס שענער זיי טוען זיך אָן, אַלץ ניכער וועלן זיי אויסנעמען בײַם עולם, ווייל דאָס פּובליקום ווייסט, אַז די אַרטיסטקע פּוצט זיך, כּדי אים צו געפעלן — חוי יעדע פרוי!

שפּאָגל-נײַער פראַק. אין לאַץ אַ בלימל. אויפן קאָפּ אַ צילינדער א. אַ. וו. — צי דאַרף מען נאָך מאריך זײַן, ווי אַזאַ רעדנער וועט אויסנעמען באַ דער מידער, פאַרמאַטערטער אַרמיי? זײַן אויסער-לעכער אויסזעען קאָן בלויז רייצן די נערוון און וועקן ווידערווילן, פאַרדרוס און כּעס...

הייסט עס — עס מוז זײַן אַ געוויסע האַרמאָניע צווישן דער קליידונג פונם רעדנער און צווישן דער אויפגאַבע, וועלכע ער שטעלט זיך מיט זײַן רעדן.

נאָך אַ לעצטע באַמערקונג — און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט דער קליידונג פון רעדנער. די קליידונג דאַרף זײַן אין אײַנקלאַנג נישט בלויז מיט דער פּסיכיק פון די צוהערער און מיטן ציל, וואָס דער רעדנער שטעלט זיך (ווי אין בײַשפּיל מיט דער פאַרמאַטער-טער אַרמיי). די קליידער דאַרפן אויך זײַן צוגעפּאַסט צום אָרט, צום זאַל, וווּ די רעדע ווערט געהאַלטן. למשל, ווען מען דאַרף אַרויסטרעטן אין אַ פאַבריקס-לאָקאַל, וועט אַ שוואַרצער ראָק זײַן אַ דיסאָנאַנס. פאַרקערט, ווען די אַרויסטרעטונג קומט פאָר אין אַ טעאַטער-זאַל, אָדער בכלל אין אַ קאָנצערט-זאַל — וועט אַן אַר-בעטס-העמדל אויפן רעדנער זײַן אַ דיסאָנאַנס, נישט האַרמאָנירן מיטן זאַל.

און ווידעראַמאָל זענען פאַראַן פאַלן, וווּהין מ'דאַרף דווקא האָבן אָט דעם דיסאָנאַנס. שטעלט אײַך פאָר, אַז אַ בירגערלעכע פּאַרטיי רופט אַ וואַל-מיטינג אין אַ טעאַטער-זאַל, און איר, אַן אַרבעטער-פּאַרשטייער, קומט דאָרט אַהין צו אָפּאָנירן. אײַער אויסער-לעכער אויסזעען ווירקט אפשר אין דעם זאַל און פאַר דעם עולם ווי אַ דיסאָנאַנס. אָבער דער דיסאָנאַנס האַרמאָנירט אויסגעצייכנט מיט דער ראָלע פון אײַער אַרויסטרעטונג. זי דאַרף דאָך טאַקע זײַן אַ דיסאָנאַנס, עפּעס לחלוטין אַנדערש, ווי די אַרויסטרעטונגען פון די אָרגאַניזאַטאָרן, פון די באַלעבאַטים. דער דיסאָנאַנס מיטן זאַל ווערט דאָ קאָמפּענסירט דורך דער אינערלעכער האַרמאָניע, וואָס באַקומט זיך צווישן אײַער אויסזעען און דעם אינהאַלט פון אײַער רעדע.

דער זאַל, וווּ די רעדע ווערט געהאַלטן, שפּילט אויך נישט

קיין קליינע ראָל. קודם־כּל, טאָר דער זאַל נישט זיין צו גרויס. אַ זאַל, וווּ די צוהערער זעען אויס ווי אַ הייפל, וואָס פאַרלירט זיך ערגעץ אין אַ ווינקעלע, איז פּשוט אַן אומגליק. די קאַלטקייט פון ליידיקן זאַל ווירקט דעם רעדנער אויף די נערוון, מאַכט אים קאַליע די שטימונג. ער וועט קיינמאָל בײַ אַזאַ לאַגע נישט געבן דאָס, וואָס ער קאָן געבן בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען. די צוהערער פילן זיך אויך ווי אָפּגעזונדערטע, אָדער פאַרנאַרטע. קיין שום קאָנטאַקט צווישן רעדנער און אוידיטאָריע לאָזט זיך בײַ אַזאַ מגושמדיקן זאַל נישט שאַפן.

און מאַכט זיך מען איז מען פאָרט געשטראָפט צו רעדן אין אַזאַ זאַל, דאַרף מען לכל הפּחות נישט פונאַנדערוואַרפן די צוהערער איבערן גאַנצן זאַל — ווי מ'טוט אַמאָל, כּדי צו פאַרמאַסקירן די פּוסט־קייט — נאָר פאַרקערט, דאָס ביסל צוהערער באַזעצן קאָמפּאַקט אין די ערשטע רייען. דאַן איז ווייניקסטנס דאָ דער שאַנס, אַז דער רעדנער און די אוידיטאָריע קאָנען זיך אַמאָל פאַרגעסן אין ליידיקן טייל זאַל — און ס'קאָן זיך אַזוי אַרום שאַפן אַ שטימונג.

שלעכט איז אויך אַ צו קליינער זאַל — ווו דער עולם האָט נישט ווו זיך אַהינצוטון, מ'שטופּט זיך איינער אויפן צווייטן, במשך פון דער גאַנצער רעדע קומט פאָר אַ שטילער, און אַמאָל גאָרנישט אַזאַ שטילער, קאַמף פאַר יעדן שטיקל פּלאַץ. די בעסטע רעדע קאָן בײַ אַזעלכע באַדינגונגען גיך מיאוס ווערן.

אָבער אַז מען האָט אויסצוקלייבן צווישן אַ צו גרויסן און צו קליינעם זאַל — איז, דאַכט זיך, תּמיד דער קלענערער זאַל אויך דאָס קלענערע בייז. בעסער שוין אין הייסער שטיקעניש, איידער אין קאַלטער שיטערניש... 200 מענטשן אין אַ זאַל, ווו ס'גייען אַריין נאָרמאַל בלויז 150, מאַכן אַ גרעסערן רושם, איידער 300 מענטשן אין אַ זאַל, וואָס קאָן אַריינעמען 500. דאָס דאַרף מען גוט אין זינען האָבן בײַם אָרגאַניזירן יעדן עפנטלעכן אַרויס־טריט.

אויב נישט אַלעמאָל איז מעגלעך אַנטשפּרעכנדיק צו דעקאָ־רירן דעם זאַל — מוז מען אָבער שטענדיק אים האָבן אין אַ צוגעקליבענעם צושטאַנד. דער זאַל טאָר בשום אופן נישט מאַכן

קיין איינדרוק פון אַ חורבה, פון אָפּגעלאָזנקייט און שלימזלדיקייט. בײַם קולטורעלערן טייל עולם מוז אַזאַ „זאַל״ קאַליע מאַכן די שטימונג, און נישט באַמערקטערהייט ווערט די שלעכטע שטימונג אַריבערגעטראָגן אויך אויף דער פּאַרטיי, וואָס אָרדנט „אַזוי גוט״ איין, אויפן רעדנער און אויף זיין רעדע. אויפן ווייניקער קולטורעלן עולם ווידער ווירקט די אָפּגעלאָזנקייט אַזוי, אַז מען פילט זיך צופיל ווי בײַ זיך אין דער היים, ווי בײַ זיך אין וואַרשטאַט, ווי אויף דער גאַס. עס גייט פאַרלוירן די מאָס אינערלעכע דיסציפּלין און אָנגעשטרענגטקייט, וואָס זענען נייטיק אין אַזעלכע פאַלן. עס ווערט אַ שטימונג פון „עט, ווייס איך וואָס, מאַכט אַ גאַנצן צימעס. . .״

אַז ווינטער-צייט דאַרף מען אויסהייצן אין זאַל ערב אַן אַרויסטרעטונג, פיל איך פּשוט פאַר אַ חוב אונטערצושטרייכן — דערמאַנענדיק זיך אין מיינע צענדליקער חברים, וועלכע זענען געקומען קראַנקע, הייזעריקע און אויף וואָכן לאַנג אַרבעטס-אומפעיקע נאָך אַן אַרויסטרעטונג אין אַ נישט-געהייצטן זאַל, וווּ דער ווינט האָט געפייפט, ווי אין פעלד.

און צום סוף נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער טריבונע. אין אַלגעמיין גענומען, זענען בנוגע דער טריבונע גילטיק דיזעלבע כּללים, ווי בנוגע דעם זאַל. די טריבונע איז דאָך אַ באַשטאַנדטייל פון זאַל. אָבער עס זענען דאָ אַ פּאָר פּרטים, וועלכע עס לוינט צו פאַרצייכענען.

די טריבונע טאָר נישט זיין צו נידעריק. דער רעדנער זעט דאַן אויס אַ ביסל קאָמיש און דאָס שטערט דעם איינדרוק. קיין ספּעציעלע באַפּוצונגען דאַרף די טריבונע געוויינטלעך נישט האָבן. זי מעג ווערן דעקאָרירט נאָר דאַן, ווען דאָס איז אַ פּרט פון אַלגעמיינעם דעקאָראַציע-פּלאַן. און אפילו דאַן איז גלייכער די טריבונע לאָזן נישט דעקאָרירט. נישט דערפאַרענע, יונגע רעדנער דאַרפן זיך אויסהיטן פון אַרויסטרעטן אין אַ זאַל אָן אַ טריבונע. עס איז פיל שווערער צו רעדן. ערשטנס, ווייסן זיי נאָך נישט, ווי מ׳גיט זיך אַן עצה מיט די הענט און פּיס בעתן רעדן. דער באַוווסטזיין, אַז די אוידיטאָריע האָט זיי אינגאַנצן אויפן אויג, מאַכט

נאָך קענטיקער און אויפפאַלנדיקער זייערע ס׳רוב אומבאַהאָלפענע באַוועגונגען. דאַקעגן, הינטער אַ טריבונע זענען זיי אַזוי צו זאָגן „געדעקט". זיי פאַרשפּאָרן אַרומלויפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער בינע. זיי האָבן אַן אָנהאַלטס־פּונקט, צו וועלכן זיי פּאַסן זיך צו און מען איז אויף דרייפערטל פאַרבאַהאַלטן פון די בליקן פון הונדערטער מענטשן. און אין שווערע מאָמענטן קאָן מען זיך אָנלענקען אויף דער טריבונע. פאַר אַ רעדנער אַן אָנפאַנגער איז דאָס נישט קיין קלייניקייטן.

איז אין זאָל נישטאָ קיין טריבונע, איז גוט אַ טישל, אַ בענקל, אַ שטול, עפּעס אַ קעגנשטאַנד, וואָס זאָל דעם רעדנער געבן די מעגלעכקייט זיך צו קאָנצענטרירן, צו פילן אַ פּונקט, פון וועלכן ער דאַרף רעדן צום עולם. אַזאַ פּונקט איז גאָרנישט קיין קלייניקייט, ווי עס קאָן זיך דאַכטן.

IX.

דער רעדנער אויף דער טריבונע

(טרעמע, האַלטונג, זשעסטיקולאַציע)

וואָס אָפטער מען טרעט אַרויס, אַלץ מער באַפרייט מען זיך פון דעם ספּעציפישן, אומהיימלעכן געפיל, וואָס נעמט אַרום יעדן אָנפאַנגער, בעת ער דערפילט זיך אויף דער בינע פּנים-אל-פּנים מיטן עולם. דאָס איז זייער אַ פּיינלעכער צושטאַנד. די הענט און די פיס טרייסלען זיך דיר, די קני בייגן זיך, עס קלאַפּט צומאָל אַ צאָן אָן אַ צאָן, אַן אויסטערלישע שרעקעוודיקייט באַפאַלט דיך, אַ צווייפל אין דיינע כּוחות און פעיקייטן. וואָלסט, דאַכט זיך, כ'ווייס נישט וואָס געגעבן, אַבי נישט דאַרפן אין אַ מינוט אַרום אָנצוהייבן רעדן...

אָט הייבסטו אָן צו רעדן און דו דערקענסט אַליין נישט דיין שטים: עפּעס ווי אַ פרעמדע קלינגט זי, עפּעס ווי פונדערווייטנס דערטראָגט זי זיך צו דיר. און האָסטו געענדיקט צו רעדן, דערפילסטו אַ וווּנדערבאַרע לייכטקייט, ווי אַ שווערע, בלייערנע משא וואָלט פון דיר אַראָפּגעפאַלן. ווי פריי — אָפּגעאָטעמט!

דידאָזיקע „רעדנער-טרעמע“ איז באַקאַנט אַלע אָנפאַנגער, פון איר האָבן געליטן אַלע באַרימטע רעדנער אין אָנהייב פון זייער רעדנער-קאַריערע. אַרטיסטן, מוזיקער, זינגער, בכלל אַלע, וועמען ס'קומט אויס עפנטלעך אַרויסצוטרעטן, קענען אויך דעם דאָזיקן צושטאַנד. אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס מאַכן דורך אָט די קרענק אַלע רעדנער, עס איז אַ מין רעדנער-פּאָקן, צי רעדנער-מאָזלען, דורך וועלכע אַלע מוזן אַדורכגיין.

הייסט דאָס, אַז אַזאַ צושטאַנד איז נאָך נישט קיין סימן, אַז מ'וועט זיך נישט אויסלערנען גוט רעדן, אַז מען איז נישט קיין רעדנער. אדרבא, ס'איז גיכער אַ גוטער סימן פאַר אַ רעדנער. אַ פּלוידערזאַק, אַ סתם פּלאַפּלער ווייסט גיכער נישט פון קיין טרעמע, ער זשעניִרט זיך נישט, ער האַקט ווי אין קרויט אַריין.

איינע פון די סיבות, פון וועלכע עס נעמט זיך די טרעמע, איז בלי ספק דאָס געפיל פון אחריות. וואָס שטאַרקער ס'איז אָט דאָס געפיל, אַלץ גרעסער די טרעמע. וואָס דער רעדנער א'ז פון אַ בעסערער מאַרקע, פון אַ העכערער פּראָבע, אַלץ גיכער וועט איר בא אים באַגעגענען סימנים פון אַ „קינדער־טרעמע", אפילו ווען ער האָט שוין הינטער זיך צענדליקער יאָרן רעדנערישע טעטיקייט. אַן אמת גוטער רעדנער איז קיינמאָל נישט אינגאַנצן פריי פון טרעמע.

עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו כאַפּן וועגן דעם אַ שמועס מיטן חבר אַ. ליטוואַק (איינער פון אונזערע בעסטע רעדנער). מיר זענען אַרויס פון טעאַטער „וועגוס", אין וואַרשע, נאָך אַן אָפּגעהאַלטענעם מיטינג — ליטוואַק, איך און איינער פון אונזערע עלטסטע און בעסטע מאַסן־רעדנער. ס'איז געקומען צו רייד וועגן טרעמע, און צו מיין פאַרוואונדערונג האָט דער דריטער חבר געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע צענדליקער יאָר רעדנערישע פּראַקטיק, קאָן ער זיך בשום אופן נישט באַפרייען פון אַ לייכטער טרעמע פאַר יעדער אַרויסטרעטונג. ליטוואַק האָט דעריף געענטפערט, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן: „די טרעמע באַדייט, אַז איר האָט נאָך דעם הייליקן ציטער, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם רעדנער, אַז איר האָט זיך נאָך נישט פאַרוואַנדלט אין אַ געניטן בעל־מלאכה — וועלכער רעדט וועגן אַלץ אויף באַשטעלונג". —

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ צו שאַרפע טרעמע קאָן שטערן דער פרייהייט פון וואָרט, קאָן פּשוט שטערן צו רעדן. אָבער קיין שום קינסטלעכע מיטלען זענען נישט פאַראַן אויף פּטור צו ווערן פון דער טרעמע. פאַראַן בלויז איין רפואה: צייט און פּראַקטיק. ס'טרעפט, אַז אָנפאַנגער־רעדנער, כדי צוצוגעבן זיך קוראַזש, מאַכן פאַרן אַרויסטריט אַ „שנעפּסל". דאָס איז דאָס ערגסטע מיטל.

פאר וועלכן מ׳קאָן אמאָל זייער טייער באַצאָלן: מ׳קאָן דאָך קיינ־מאָל נישט פאָראויסזעען, ווי אַ רעדע קאָן אמאָל פלוצלינג קאָמפּלי־צירט ווערן, וואָס פאַר אַ סיורפּריזן ס׳קאָנען זיך טרעפן בשעתן רעדן. אָפּגערעדט שוין פון קאָפּ, אַלע חושים פון רעדנער דאַרפן פונקציאָנירן מיט דער מאַקסימאַלער רויקייט און פּרעציזקייט. אַל־קאָהאָל אָבער, אפילו אין קליינע דאָזעס, מאַכט אוממעגלעך אזא רויקייט און פּרעציזקייט.

חוץ דער טרעמע, וועלכע פאַרשווינדט דאַן פריער אָדער שפּעטער, — לפחות אין אירע שאַרפע, באַזונדערס פיינלעכע פאָר־מען — איז וויכטיק אויך דאָס אַ ל ג ע מ יי נ ע האַלטן זיך בעתן רעדן.

ווער עס איז געווען אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, אָדער קאָנ־פערענצן, ווו עטלעכע צענדליק באַטייליקטע פאַרשרייבן זיך און קומען טאַקע צום וואָרט — דער האָט אוודאי באַמערקט, ווי פאַר־שידן עס איז די הצלחה פון די אַרויסטרעטנדיקע: איין רעדנער „צווינגט״, מען זאָל אים אויסהערן, בעת דעם צווייטן, וועלכער רעדט אמאָל אין תוך נישט ווייניקער אינטערעסאַנט, וויל די אוידיטאָריע נישט הערן. ווי ער עפנט נאָר דאָס מויל, ווערט אַ שטיל גע־רעדעריי, אַ טומל, מ׳איז נישט און מ׳וויל נישט זיין אויפמערקזאַם.

דידאַקטיקע פאַרשידנאַרטיקע באַציונג שטאַמט מייסטנס פון ע ר ש ט ן, אוממיטלבאַרן איינדרוק, וואָס דאָס פאַרהאַלטן זיך פון רעדנער, זיין באַווייזן זיך אויף דער טריבונע, אפילו דער אופן, ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און צוגעגאַנגען צו דער טריבונע האָט געמאַכט אויפן זאַל. דערדאָזיקער ערשטער איינדרוק איז דעצידירנדיק! און זעלטן ווען ס׳געלינגט דערנאָך איבערצייגן צו נישט מאַכן דעם לכתחילהדיקן איינדרוק, אויב ער איז געווען נישט קיין גינסטיקער פאַרן רעדנער.

ווי אַזוי זאָל מען זיך האַלטן, כדי אַרויסרופן צו זיך גלייך אַ געהעריקע באַציונג — דאָס איז שווער אויסצולערנען. דאָ, ווי אומעטום, איז נויטיק אינערלעכער טאַקט, דאָס איינגעבוירענע געפיל פון מאָס, אַ געוויסע אינטואיציע. אָנווייזן קאָן מען בלויז אויף אייניקע פּרטים:

דער עולם מוז דערפילן אין דער האַלטונג פון רעדנער־רויקייט, ווירדע און איבערצייגונג. צו האַסטיק אויפהייבן זיך פון אָרט און „צולויפן" צום רעדנער־שטענדער, אָדער פאַרקערט, צו פּאַמעלעך, ווי מיט קווענקלעניש זיך באַוועגן — מאַכט שוין אַ שלעכטן איינדרוק, קאָן שוין אַרויסרופן אַט יענעם לכתחילהדיקן אומצוטרוי, וועגן וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט. אויף דער טריבונע דאַרף דער רעדנער זיך אויסהיטן פון יעדן איבעריקן זשעסט, פון יעדער נישט באַרעכנטער באַוועגונג — באַזונדערס פון אַזעלכע, וואָס קאָנען דעם עולם אויסקומען אין דער מינדעסטער מאָס לעכערלעך. רופט דער רעדנער אַרויס אַ געפיל פון קאָמיזם — איז ער אַ געקוילעטער, קיין זאַך וועט שוין נישט העלפן. עס טרעפט, אַז אַ נישט דערפאַרענער רעדנער הייבט אָן, שוין אויף דער טרי־בונע, זיך גראַבלען אין אַלע קעשענעס, זוכן די טעזיסן, די צו־געגרייטע נאָטיצן. עס טרעפט אויך, אַז ער האַלט דעם „אוצר", וואָס ער זוכט, פשוט אין האַנט. נאָר פון אַ צו שטאַרקער טרעמע באַמערקט ער עס נישט. דער עולם וואַרט און קוקט זיך איבער, דער רעדנער פילט עס און ווערט נאָך מער צעטומלט. געדויערט דידאָזיקע פּיינלעכע סצענע מיט איין רגע מער, ווי ס'איז דער־לויבט, — איז דער רעדנער אַן אָפּגעפאַרענער, אַ פאַרשפּילטער. זעלטן ווען דאָס ווייטערדיקע רעדן ראַטעוועט. אין אַזאַ פאַל איז גלייכער אָנצוהייבן רעדן אָן דעם פּאַפּירל, און גלייכצייטיק, אויף אַ נישט קענטיקן פאַרן עולם אופן, זיך באַמיען אָפּזוכן דעם „אוצר".

עס טרעפט אַמאָל, אפילו מיטן בעסטן רעדנער, אַז אין מיטן רעדן פאַרפעלט אים פּלוצלינג דער פּאַסיקער אויסדרוק. ער האָט אים, דאַכט זיך, אויפן צונג, ער דרייט זיך אים אין קאָפּ — און דאָך קאָן ער אים נישט פּאַקן. ווי זאָל מען זיך נוהג זיין אין אַזעלכע פאַלן? דער ערגסטער אויסוועג איז, נאַטירלעך, איבעררייסן דאָס רעדן, ביז מ'וועט דאָס וואָרט געפינען. אָבער אינגאַנצן זיך מאַכן דערפון נישט וויסן, רעדן ווייטער, זיך פּרוּוון „פאַררעדן די ציין", — איז אויך נישט גוט. די אוידיטאָריע וועט איר נישט אָפּנאַרן. אויב די רעדע איז נאָר אַ גוטע, איז זיכער נישט באַ איין

צוהערער אינטויטיוו אויפגעקומען אין זכרון דער אויסדרוק, וואָס האָט אייך פּלוצלינג אויסגעפּעלט. אומבאַוווסטזיניק וואַרטן זיי אויף אָט דעם אויסדרוק. און ווען איר זיך סתּם אַריבערגליטשן, וועט עס נאָר שעדיקן דעם צוטרוי צו אייער רעדן. דאָס גלייכסטע איז, — פּאַרטזעצן דאָס רעדן און גלייכצייטיק זוכן דעם פעלנדיקן אויסדרוק. ס'איז נישט קיין אומגליק, אַז דער עולם וועט עס באַמערקן. אדרבא, די אוידיטאָריע ל יי דט צוזאַמען מיטן רעדנער, בעת זי באַמערקט, אַז ער באַמיט זיך צו געפינען דעם פּאַסיקן אויסדרוק, זי זוכט צוזאַמען מיט אים. און זי דערפילט דערפאַר אַ דערלייכ־טערונג, אַ באַזונדערע באַפרידיקונג, בעת דעם רעדנער געלינגט ענדלעך צו פּאַקן דאָס געהעריקע וואָרט. די צוהערער האָבן דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן אויך געזוכט און אויך געפונען. און עס שאַפט זיך אַן אַקטיווע און אינטימע פאַרבינדונג צווישן רעדנער און צוהערער, — דאָס וויכטיקסטע פאַרן דערפאָלג פון אַ רעדע.

עס איז אַ קוריאָז — אָבער אַ פאַקט. כדי צו שאַפן די דאָ־זיקע פאַרבינדונג צווישן רעדנער און דער אוידיטאָריע איז אַן ענגלענדער געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער רעקאָמענדירט, דער רעד־נער זאָל בכיוון זיך מאַכן, ווי ער זוכט אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, ער זאָל אומישנע אַ ביסל צושטאַמלען. — זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז בלויז אַ וויץ. נישטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר אַ רעדנער, ווי געקינצלטקייט, נישט אויפריכטיקייט.

אַן ענגע שייכות מיט דער האַלטונג פון רעדנער האָט דער אופן פון זשעסטיקולירן בשעתן רעדן. זשעסטיקולאַציע איז אומ־פאַרמיידלעך. נישטאָ קיין רעדנער, וואָס זאָל נישט זשעסטיקולירן די מעשה איז אָבער, וואָס די זשעסטיקולאַציע איז אַן אומבאַוווסט־זיניקער רעפלעקטיווער פּראָצעס. ס'איז זייער שווער דידאַזיקע רעפלעקסיעס, די אימפּולסיווע באַוועגונגען פון די הענט, פון פּנים און פון גאַנצן קערפּער צו באַהערשן און רעגולירן. דער רעדנער באַ־מערקט דאָך אפילו נישט, אַז ער מאַכט זיי. אין 99 פאַלן פון 100 וועט איר ווען איר וועט דעם רעדנער דערציילן, וואָס פאַראַ באַוועגונגען ער האָט געמאַכט בעתן רעדן, וועט ער זיך אָפּשאָקלען, מיינען, אַז איר טראַכט אויס. די זשעסטיקולאַציע איז אָבער אַמאָל אַזאַ

קאָמישע אָדער העסלעכע, אַז זי מוז קאַליע מאַכן דעם איינ־דרוק פון דער בעסטער רעדע. אַן אינטערעסאַנטן פאַל דערציילט וועגן דעם אויגוסט בעבעל: „אין 1903 איז אין בערלין פאָרגעקו־מען אַ זכרונות־אָוונט, אויף וועלכן די עלטסטע פירער פון דער ס. ד. האָבן דערציילט וועגן די אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן. בעבעל האָט אויף דעם אָוונט איבערגעגעבן וועגן אויסערגעוויינטלעך פיינ־לעכן איינדרוק, וואָס אויף אים האָט געמאַכט לאַסאַלס באַרימטער אַרויסטריט אין יאָר 1863 אין לייפּציק, און נאָך אַ דאַנק דעם, וואָס רעדנדיק האָט לאַסאַל פאַרלייגט די הענט אונטערן וועסטל, און אַזוי מיט זיי געמאַכט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געקיצלט אונטער די אָרעמס. — איצט, אין 40 יאָר אַרום, דערמאָנענדיק זיך בלויז וועגן דעם, קאָן איך זיך נישט באַפרייען פון אַן אָפּשטויסנדיקן געפיל! — האָט בעבעל פאַרענדיקט.

יעדער רעדנער מוז, אַלזאָ, ראשית חכמה זיך אַליין קענען זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ באַוועגונגען ער מאַכט בעת ער רעדט. ווען ער וועט זיך שטעלן אַן אויפגאַבע, נאָכשפּירן נאָך זיך אַליין בעת זיין רעדן — וועט ער בלי־ספק אַ ביסל דערגיין. אָבער — נישט קיין סך, ווייל די „געפערלעכסטע" זשעסטיקולאַציע הייבט זיך אָן ערשט דאַן, ווען דער רעדנער פאַרגעסט פונקט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס פאַראַ באַוועגונגען ער מאַכט! און אַ רעדנער מוז פאַרגעסן — דערין איז דאָך טאַקע זיין כוח! ווי דערוויסט מען זיך אָבער פאָרט, וואָס פאַראַ העוויות מען מאַכט בעתן רעדן? די בעסטע עצה איז בעטן אַ פריינט, ער זאָל אומישנע קומען אייך הערן און דערנאָך אייך איבערגעבן וועגן אייער זשעסטיקולאַציע. נאָך בעסער איז, ווען דער פריינט איז אַ פרוי. פרויען האָבן בכלל מער פאַרשטענדעניש און געפיל פאַר אויסערלעכקייט. אַמבעסטן באַמערקט אַ פרוי אַלע פעלערן, אַלע מיאוסע און קאָמישע זשעסטן, וואָס אַ רעדנער מאַכט בעתן רעדן.

אַז איר ווייסט שוין, ווי איר זשעסטיקולירט, קאָנט איר צו־טרעטן צום צווייטן טייל פון דער אויפגאַבע — באַהערשן אייער זשעסטיקולאַציע, אויסלערנען זיך מיט איר צו „דיריגירן", באַ־פרייען זיך פון די זשעסטן, וועלכע מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק,

פאַרבעסערן און פאַרפיינערן די זשעסטן, וועלכע קאָנען פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון דער רעדע.

הערשן איבער די אייגענע באַוועגונגען בעתן רעדן איז נאָך אַ סך שווערער, ווי הערשן איבער דער אייגענער שפּראַך, ווי נישט לאָזן זיך בעתן רעדן פאַרפירן דורכן אייגענעם געדאַנקענגאַנג. אפילו צווישן ערשט-קלאַסיקע רעדנער וועט איר זעלטן טרעפן איינעם, וואָס באַהערשט פולקאָם זיין אייגענע זשעסטיקולאַציע און באַנוצט זיך מיט איר באַוווּסטזיניק. ס׳איז אָבער שווער צו געפינען נאָך אַ זאַך, וואָס זאָל אַ רעדע צוגעבן אַזוי פיל עלעגאַנץ, אויסדרוק און פּרעציזקייט פון אַ קונסט-ווערק — ווי ציל-באַוווּסטע, אויסגערעכנטע זשעסטיקולאַציע! איין אַנטשפּרעכנדע האַנט-באַוועגונג זאָגט אַמאָל מער, ווי אַ צענדליק זאַצן! אַ באַשטימטער אויסדרוק פון פּנים שאַפט גאָר אַ נייעם באַגריף! דער רעדנער איז שוין דאַן נישט בלויז רעדנער, נאָר אויך אַרטיסט. און די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון רעדנער און אַרטיסט אין איין ווערק, אין דער רעדע — פאַרשאַפט אי דעם רעדנער אי די צוהערער דעם גרעסטן קינסטלערישן גענוס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בלויז יחידים קאָנען זיך דערהייבן צו דערדאָזיקער מדרגה. אָבער אַרבעטן איבער זיך אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג וועט יעדערן מער אָדער ווייניקער צונוץ קומען. לכל הפּחות, קאָן מען באַזייטיקן די באַזונדערס מיאוסע אָדער קאָמישע זשעסטן. און דאָס איז שוין אויך אַ סך ווערט.

X.

די נאָרמאַלע דויער־צייט פון אַ רעדע.

זייער פאַרשפּרייט איז די פאָרשטעלונג, אַז וואָס לענגער איינער רעדט, אַלץ מער סימן איז עס פון אַ גוטן רעדנער. אין דער אמתן אָבער האָט לאַנג רעדן גאָר אַ קנאַפּע שייכות מיט גוט רעדן... לאַנג רעדן איז נאָר אַ סימן, אַז מען פאַרמאָגט אַ גוטן שפּראַך־אָרגאַן, אַ געזונטן האַלז, שטאַרקע לונגען א. א. וו. אָבער די דאָזיקע פיזישע אייגנשאַפטן אַליין באַשאַפן נאָך נישט דעם רעד־נער; אַזוי איז אַ מענטש דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט דינע, „מוזי־קאַלישע" פינגער נאָך נישט קיין מוזיקער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין חסרון פאַר אַ רעדנער איז עס אויך נישט — צו פאַרמאָגן אַ געזונטן ברוסט־קאַסטן און אַ שטאַרקע שטים.

אָבער וואָס באַדייט „לאַנג" רעדן?

מען קאָן רעדן לאַנג בפּועל ממש, ד. ה. איבערשטייגן די גרענעץ פון פיזיאָלאָגיש דערלאָזבאַרן. דער מענטשלעכער אָר־גאַניזם איז נישט אימשטאַנד צו זיין אַזוי לאַנג אָנגעשטרענגט, די אויפמערקזאַמקייט ווערט שוואַכער, אַ פּסיכישע און פיזישע מיד־קייט באַהערשט דעם צוהערער. די ווייניקער שטאַנדהאַפטיקע הייבן אָן פּשוט צו דרימלען... און איבערצייגן אַזוי אַרום דעם רעדנער, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס.

צום דאָזיקן מין לאַנג רעדן ווען מיר זיך נאָך אומ־קערן.

ס'איז אָבער פאַראַן אַ צווייטער מין לאַנג רעדן. אויפן זיי־גער גענומען, רעדט דער רעדנער גאָר נישט לאַנג. און דאָך

דאַכט זיך די צוהערער, אַז ער רעדט מי יודע ווי לאַנג, אַז רע חאָלט שוין לאַנג געדאַרפט ענדיקן... הגם דער רעדנער רעדט בכלל גאָרנישט שלעכט און דער עולם האָט אים געווײַנטלעך גאָרנישט פֿײַנט צו הערן...

אַ סך פֿון אײַך, לעזער, וועלן זיך אוודאי פֿון זייער אייגענער פּראַקטיק קאָנען דערמאָנען אַזעלכע פֿאַלן. און ווען איר וואָלט פּרובירט פֿונאַנדערקלייבן זיך, פֿאַרוואָס דער געווײַנטלעך גוטער רעדנער רופֿט בײַ אײַך דאָס מאָל אַרויס אַזאַ נישט אָנגענעמען געפֿיל, אַזאַ פֿאַרלאַנג, אַז ער זאָל שוין גיכער ענדיקן, וואָלט איר זיכער זיך איבערצייגט, אַז אײַער אומגעדולד נעמט זיך דערפֿון, וואָס אָדער דער רעדנער באַרירט אַ טעמע, וועלכע גייט אײַך ווייניק אָן, אָדער איר ווייסט די ט:מע אויסגעצייכנט אַליין, אַן דעם רעדנער, אָדער די טעמע איז סתּם אַ נישט באַדייטנדיקע, וועגן וועלכער ס'איז אַ שאָד אַזוי פֿיל ווערטער צו פֿאַרלירן, אָדער ענד־לעך, איר חלשט צו וויסן דעם עיקר און ער רעדט אַלץ אַרום און אַרום און באַפֿרידיקט נישט אײַער באַגער.

מיט אַנדערע ווערטער: ס'איז פֿאַראַן אַ דיספּראָפּאָרץ צווישן דער דויער־צײַט פֿון דער רעדע און דעם אינהאַלט, צו דער וויכ־טיקייט פֿון באַרירטן ענין און דאָס רופֿט אַרויס דאָס געפֿיל, אַז דער רעדנער האָט צו לאַנג גערעדט, אַפֿילו דאַן ווען אינדער־אמתן האָט ער גאָרנישט גערעדט

אַ רעדנער מוז, אַלזאָ, בנוגע דער דויער־צײַט פֿון זײַן רעדע זיך רעכענען נישט בלויז מיט פֿיזיאָלאָגישע געזעצן, נאָר אויך מיט דער טעמע און מיט דער שטימונג פֿון די צוהערער.

אַ פּאָר בײַשפּילן וועלן די זאַך קלאָר מאַכן:

אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז געווידמעט דער פֿראַגע, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די פֿייערונג פֿון 1־טן מאַי, טרעט אַרויס אַ רעדנער, און אין זייער אַ שיינער פֿאָרם נעמט ער אײַך איבער־צייגן, אַז מיט וואָס גרעסערע אותיות מ'וועט אָפּדרוקן דעם מאַי־אויפֿרוף, אַלץ לײַכטער וועט זײַן אים צו לייענען, וואָס אַ בעסער וועטער ס'וועט זײַן, אַלץ אימפּאָזאַנטער וועט די פֿייערונג אויס־פֿאַלן, און דאָס גלײַכן באַנאַליטעטן. אָדער פֿאַרקערט: אויף אַ פּאַר־

זאַמלונג, וועלכע איז געווידמעט אַן ערנסטן און פּיינלעכן ענין, זוכט זיך אָפּ אַ גוטער „פּאַרלאַמענטאַריער" און לאָזט נישט צוקומען צו דער טאָג־אָרדנונג. פּאַרלאַנגענדיק אין אַ „שיינער" רעדע, מ'זאָל אַזוי און נישט אַנדערש פירן די דעבאַטע, מען זאָל באַגרענעצן די רעדנער־צייט, די אָפּשטימונגען זאָל מען פירן אויף גאָר אַ קונציקן אופן א. אַ. וו. קיין צווייפל נישט, אַז אין ביידע פאַלן, ווי שיין דער רעדנער זאָל נישט רעדן, וועט ער דאָך אַרויסרופן בײַ דער אוידיטאָריע נאָר אַ ווידערווילן, אַ פאַרלאַנג, ער זאָל שוין אַמאָל ענדיקן און לאָזן צורו...

אָבער דאָס זענען נאָך אַלץ קלייניקייטן. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ דעלעגאַט, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון אַ פּאָר טויזנט שטרייקנדיקע צו דער פאַבריק־דירעקציע אויף אונטערהאַנדלונגען, גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן זיין שליחות פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע. דער עולם וויל וואָס גיכער וויסן, מיט וואָס די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיקט, ווי עס האַלט אין פיינטלעכן לאַגער, צי איז די דירעקציע געשטימט נאָכגיביק אָדער קריגעריש, צי האָט זי פון איר זייט געמאַכט עפּעס נייע פאָרשלאָגן, וואָסערע, וואָס האָט ער, דער דעלעגאַט, דערויף געזאָגט, א. אַ. וו. א. ד. ג., דער רעדנער אָבער דערציילט אין אַ פיינער, געטאָקטער פאָרם, צעצויגן, בהדרגה, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען, ווי ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, ווער ס'האָט אים געעפנט, ווי ס'האָט אויסגעזען דער קאַבינעט, אין וועלכן מ'האָט אים אַריינגעפירט, ער שילדערט גענוי די מעבלירונג פון קאַבינעט, ווי די דירעקטאָרן זענען געווען אָנגעטון א. אַ. וו. א. אַ. וו. עס איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז אַזאַ רעדנער ציט אַרויס די עצמות. — צוליב וואָס רעדט ער אַזוי „לאַנג"? ווער דאַרף דאָס אַלץ וויסן — צו אַלדע גוטע יאָר? — אַזוי טראַכט, אַזוי פילט די גאַנצע אוידיטאָריע.

מיר האָבן בכיון גענומען אַ ז אַ ביישפּיל, ווי די אומגעדולדיקייט פון די צוהערער ווערט אַרויסגערופן נישט בלויז דורך דעם, וואָס דער רעדנער שטעלט זיך אָפּ אויף נישט נ י י ט י ק ע פּרטים, נאָר אויך דורך דעם ספּעציעלן פּסיכישן צושטאַנד, אין וועלכן די אוי-

דיטאָריע געפינט זיך. מיר האָבן געוואָלט אונטערשטרייכן, ווי וויכ־טיק עס איז פאַרן רעדנער זיך צוצופּאַסן צו דער שטימונג פון דער אוידיטאָריע, אין פּרט פון רעדן קורץ אָדער לאַנג. די באַרימטע רעדע פון נאַפּאָלעאָנען צו זיינע באַטאַליאָנען, בעת ער האָט זיך מיט זיי אַרויסגעזעצט אין עגיפּטן בײַ די פּיראַמידן — זעלנער, פון דידאָזיקע הויכקייטן קוקן אויף אייך 40 יאָר־הונדערטן! — האָט געמוזט זיין אַ קורצע, כּדי צו דערגרייכן דעם נויטיקן עפעקט.

אַ רעדנער, וואָס פילט נישט, ווען ער דאַרף זיך מקצר זיין און ווען ער מעג לענגער רעדן, ווען ער דאַרף פאַרבייגן פּרטים און אַריבערגיין גלייך צום עיקר, און ווען ער קאָן געווינען זיינע צוהערער דווקא מיט די פּרטים — איז נישט קיין רעדנער! אים פעלט דער געפיל פון מאָס און טאַקט, וואָס אָן אים איז נישט מעגלעך צו באַהערשן און באַאיינפלוסן גרויסע מאַסן.

עס זענען אויך פאַראַן פאַרקערטע פאַלן, ווען דער רעדנער מאַכט קאַליע מיט איבערגעטריבענער קורצקייט. מ׳וואָלט געקאָנט אַזעלכע ביישפּילן ברענגען גענוג. אָבער איך טו עס נישט בכּיוון, — ווייל איך האַלט, אַז דער פעלער פון רעדן צו קורץ טרעפט זיך נישט אַן ערך זעלטענער, ווי דער פעלער פון רעדן צו לאַנג. און דערביי: דעם חסרון פון אַ צו לאַנגער רעדע קאָן מען נישט פאַריכטן: אַרויסגעזאָגטע ווערטער קאָן מען נישט צוריקכאַפּן. אַ צו קורצע רעדע לאָזט זיך אָבער יאָ פאַריכטן; דאָס נישט דער־זאָגטע קאָן דערזאָגט ווערן אין אַ צווייט וואָרט, אָדער דורך אַ צווייטן רעדנער. אגב, איז פאַרן גוטן שם פון רעדנער פיל געזונטער, מ׳זאָל צו אים האָבן טענות, פאַרוואָס ער האָט צו ווייניק גערעדט, איידער מ׳זאָל געדענקען, אַז ער האָט צו לאַנג גערעדט!

אפשר ווערטער נאָך וועגן די פיזיאָלאָגישע גרענעצן פאַר דער דויער־צייט פון אַ רעדע. די פּעדאַגאָגיק זאָגט, אַז אַ לערער־לעקציע אין קלאַס טאָר נישט דויערן מער, ווי 45 מינוט. דאָס איז דער מאַקסימום, וואָס עס קאָן אָן שאָדן פאַרטראָגן דער קינ־דערישער אָרגאַניזם. ווי איז מיט דערוואַקסענע — זענען נישטאָ קיין געוויע אויספאָרשונגען. אָבער אַלע פאָרשער זענען מסכּים, אַז דער מאַקסימום איז צווישן אַ שעה און אַנדערטהאַלבן. אדאָלף

דאַמאַשקע זאָגט: „אויב אַ פּאָרלעזונג דויערט מער ווי אַ שעה, איז זי זיכער שלעכט געבויט". אמת, אויך דאָ טרעפן זיך אויסנאַמען, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, ווו די אוידיטאָריע איז אַזוי אויסגעהונגערט נאָך אַ לעבעדיק וואָרט, אַז זי איז גרייט צו הערן אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס... אָבער די אויסנאַמען באַשטעטיקן בלויז דעם כּלל.

אויב די פּאָרלעזונג מוז דויערן לענגער ווי אַ שעה — דאַרף מען זי לפּחות איינטיילן אין צוויי טיילן מיט אַ הפסקה פון עטלעכע מינוט. די צוהערער וועלן אָפּרוען, איבערכאַפּן דעם אָטעם, אויסגלייכן די ביינער. נאָך אַזאַ הפסקה וועט די אוידיטאָריע זיין אַ סך אויפמערקזאַמער, פרישער, פילבאַרער.

אָבער וויכטיק איז אַזאַ איבעררייס אויך פאַרן רעדנער גופא. מיר האָבן שוין געשריבן פריער, אַז דער וויכטיקסטער טייל פון אַ רעדע איז דער סוף. פון סוף איז אַממערסטן אָפּהענגיק דער איינדרוק — דער דערפאָלג. ס'איז דערום נייטיק, אַז צום שלוס זאָל דער רעדנער זיין וואָס ווייניקער פאַרמאַטערט, וואָס ווייניקער אויסגעשעפּט.

און צום סוף נאָך איין אַלגעמיינער כּלל, וועלכן אַלע רעדנער דאַרף אין אַלע פאַלן געדענקען. דער כּלל איז: וואָס ווייניקער גערעדט — וואָס מער געזאָגט.

XI.

דער וויץ, די מעשה, די ציטאַטע

אַ גוטער וויץ איז אַ צירונג אין אַ רעדע. זיך קאָנען באַנוצן מיטן גוטן, טרעפלעכן וויץ איז איינס פון די שענסטע מעלות פאַר אַ רעדנער. דער וויץ איז באַזונדערס נייטיק אויף גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אויף מיטינגען און אין פּאָלעמישע רעדעס. דאָס רוב איז זיין עובדא נישט אַזוי צו דערווייזן די אייגענע טעזע, ווי צעשלאָגן דעם קעגנערס אַן אַרגומענט. אַלע גרויסע פאָלקס־רעדנער האָבן זיך באַנוצט מיט דעם מיטל, האָבן שטענדיק געהאַט צוגעגרייט וויצן און אַנעקדאָטן צו זייערע אַרויסטרעטונגען:

אָבער כּדי דער וויץ זאָל ווירקן, דאַרף ער נישט זיין צו איבערגעשפּיצט, צו פּילפּולדיק. אַמבעסטן איז צו שעפּן פון רייכן פאָלקס־קוואַל, פון פאָלקס־אוצר אַליין.

מען דאַרף זיך אויסהיטן פון צו גראָבע וויצן, פון אַנעקדאָטן, וואָס דערנידעריקן דעם ניוואָ פון דער רעדע. אַזעלכע וויצן געפעלן אפילו דער אוידיטאָריע, בעת מען דערציילט זיי, רופן זיי אַרויס געלעכטער, האָבן „דערפאָלג", אָבער דאָס איז בלויז אויבן־אויף אַזוי; אין דער אמתן הרגעט אַזאַ וויץ אָוועק דעם דרך־ארץ פאַרן רעדנער, און אַ רעדנער, וואָס וועקט צו זיך נישט קיין דרך־ארץ קאָן נישט באַאיינפלוסן זיינע צוהערער, ווי און וואָס ער זאָל נישט זאָגן.

די באַדייטונג פון אַ גוטן וויץ אין אַ רעדע איז אַ דאָפּלטע: קודם־כּל איז דער וויץ אַן אָפּרו, אַן אָטעם־פּויזע. נישט איבער־רייסנדיק די רעדע, גיט דער רעדנער זיין אוידיטאָריע אַ מעגלעכ־

קייט זיך אָפּצופּרישן, אָפּצושוואַכן די געשפּאַנטקייט, וואָס מאַכט מיד; דער וויץ איז לייכטער שטאָף צום פאַרדייען, ער פאָדערט נישט קיין אָנשטרענגונג. ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער אוידיטאָריע, פון וועמען זי זאָל נישט באַשטיין.

אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס דער וויץ אַקטיוויזירט די אוידיטאָריע. די צוהערער הערן אויף צו זיין בלויז צוהערער. יעדער גוט דערציילטער וויץ, אָדער משל האָט אין זיך אַן עלעמענט פון נישט דערזאָגטעס, וואָס דער צוהערער דאַרף אַליין אָנכאַפּן, אָנטאַפּן מיטן שכל. חוץ דעם איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז אַ גוטער וויץ האָט די אייגנשאַפט, אַז איידער נאָך דער דערציילער איז דערגאַנגען ביזן סוף, האָט זיך שוין דער צוהערער אָנגעשטויסן, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. דער סוף פון וויץ הענגט, שוועבט אין דער לופט פון זאָל און די צוהערער צוזאַמען מיטן רעדנער זענען אַקטיוו, שפּינען אינאיינעם דעמדאָזיקן סוף. ס'באַקומט זיך אַ צושטאַנד, וועלכן די רוסן באַצייכענען מיטן וואָרט „פּרעדקושאַט" און אויף יידיש קאָן עס לערך הייסן, אַז דער טעם וואָלט ווי געלעגן אויפן צונג, איידער מען האָט נאָך דאָס מאכל גענומען אין מויל.

אַזאַ אַקטיווקייט באַ דער אוידיטאָריע איז זייער אַ וויכטיקע זאַך, עס דערנעענטערט, שאַפט אַן אינטימען פאַרבאַנד צווישן זאָל און בינע, מאַכט דעם רעדנער מער היימיש, מער פאַרשטענדלעך פאַר דער אוידיטאָריע.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען וועגן דעם ענגלענדער, וועלכער לייגט פאָר אַרויסצורופן באַ דער אוידיטאָריע אפילו קינסטלעך אַזאַ אַקטיווקייט: דער רעדנער זאָל בכיוון אַ ביסל שטאַמלען, זוכן ווערטער, כּדי די אוידיטאָריע זאָל זיך צוזאַמען מיט אים באַטייליקן אין זוכן דאָס וואָרט! צי דאָס איז אַ פּאַסיק מיטל, קאָן מען אפשר צווייפלען: עס איז אָבער אויסער יעדן צווייפל די גוטע אַקטיוויזירנדיקע ווירקונג פון אַ גוטן, טרעפלעכן וויץ פון אַ געלונגענעם משל...

דעם וויץ טאָר דער רעדנער קיין מאָל נישט צופיל אויסטייטשן און צעקייען: עס ווערט דאַן איבעריק די אויבן אָנגע-

וויזעגע אַקטיווע באַטייליקונג פון דער אוידיטאָריע. דער רעדנער פילט דאַן, אַז ס'איז עפּעס נישט געלונגען, די אוידיטאָריע פילט, אַז מ'וואָלט אָפּגעמאַרט אירע דערוואַרטונגען.

מיטן וויץ דאַרף מען זיך באַנוצן נישט אומעטום. אין אַ טרויער־רעדע איז דאָס קיינמאָל נישט אויפן אָרט. אין ערנסטע באַריכט־רעדעס אויך נאָר זעלטן. קאַמף און שטימונג־רעדעס דאַרפן אויך בדרך כּלל זיך באַגיין אָן אַריינגעפּלאַצטע וויצן. אַממערסטן אויפן אָרט איז דער וויץ אין פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען: געלונגענער חוזק מאַכט שנעלער אַ תּל פון קעגנער, ווי אַן ערנסטער אַרגומענט. מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז די ווירקונג פון וויץ איז אַ פֿאַריבערגייענדיקע. עס טויג דעריבער נישט, ווען מען וויל אָפּפטרן דעם קעגנער בלויז מיט וויצן, מיט אויסלאַכן. דער צוהערער מוז פון הינטער די וויצן אַרויס פילן ערנסטן אינהאַלט, וואָגיקע באַווייזן. דער וויץ איז באַצירונג. אָבער אַ בנין קאָן נישט באַשטיין בלויז פון באַצירונג. עס מוז זיין אַ פונדאַמענט, ווענט, אַ דאַך. אַ רעדע פון בלויז וויצן — איז אַליין נישט מער ווי אַ וויץ.

אַ סך דערפון, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן וויץ, קאָן אויך האָבן אַ שייכות צו דער מעשה, משל אָדער אַלעגאָריע. נאַטירלעך, אַ מעשה, אַן אַלעגאָריע איז נישט אויסגערעכנט אויף לעכערלעך צו מאַכן דעם קעגנער, ווי דער וויץ. דערפאַר טאָקע קאָן מען די אַלעגאָריע באַנוצן פיל אָפטער, כּמעט אין אַלע מינים רעדעס (וויסנשאַפטלעכע פאָרטראַגן, פאָלקס־מיטינגען, פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען, שלוס־וואָרט, שטימונג־רעדע, באַנקעט־טאָסט א. ד. ג.). די גוטע אַלעגאָריע איז כּמעט ווי אוניווערסאַל, זי איז אין יעדער רעדע אויפן אָרט.

די מעשה־אַלעגאָריע איז אַ וויכטיקערער אינסטרומענט אין מויל פון אַ געניטן רעדנער, איידער דער וויץ. מיטן וויץ קאָן דער רעדנער אַרויסרופן בלויז געלעכטער, הומאָריסטישע שטימונג. מיט דער אַלעגאָריע אָבער קאָן מען אַרויסרופן באַ דער אוידיטאָריע אַ גאַנצע גאַמע פון שטימונגען. דער רעדנער האָט דאָ אַ ברייט פעלד צו ניואַנסירן, צו מאַנעווורירן, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

די אַלעגאָריע גיט די מעגלעכקייט צו שפּילן אויף אַלע סטרונעס פון דער מאַסן־נשמה, בעת דער וויץ נאָר אויף איינער — אויף דער קאָמישער. דערפאַר אָבער פאַדערט זיך פאַר דער אַלעגאָריע אַ פיל געניטערער רעדנער, ווי פאַרן וויץ. די בעסטע, וועלט־באַרימטע רעדנער פון אַמאָל און פון אונזער צייט באַנוצן זיך זייער אָפט מיט דער מעשה־אַלעגאָריע — און דערגרייכן באַדייטנדיקע עפעקטן.

ענדיקן אַ רעדע מיט אַ וויץ איז נישט גוט. זייער זעלטן קאָן אַזאַ איינפאַל זיין אויפן אָרט. דער לעצטער איינדרוק זאָל זיין אַ וויץ, אפילו אַ געלונגענער — טויג נישט. דאַקעגן ענדיקן מיט אַ מעשה איז זייער אָנגענומען און רופט זייער אָפט אַרויס דעם געהעריקן עפעקט. אָבער אויך דאָ טאָר מען נישט מיסברויכן. גוט איז, אַז אַ רעדע איז דורכגעפלאָכטן מיט אַנטשפּרעכנדיקע מעשיות אַלעגאָריעס. שלעכט איז אָבער, ווען די גאַנצע רעדע באַשטייט פון אַ מעשה, אָדער פון מעשיות. עס דאַרף תמיד איינגעהאַלטן ווערן אַ פּראָפּאָרץ צווישן די באַשטאַנד־טיילן פון אַ רעדע.

באַ אַלעגאָריעס איז אָפט פאַראַן אַזאַ סכנה: די אַלעגאָריע זאָל נישט פאַרשטעלן מיט זיך דעם גאַנצן בנין, זאָל נישט ווערן דער עיקר. ווען דער עולם גייט אַרויס פון אַ פאַרזאַמלונג און רעדט צווישן זיך: „האָט ער עס היינט דערציילט אַ מעשה, אַ מייסטערשטיק", איז אַ שלעכטער סימן. דער רעדנער האָט נישט דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. נישט דער אינהאַלט פון זיין רעדע, נישט זיינע לאָזונגען און געדאַנקען האָבן באַגייסטערט, באַהערשט די צוהערער, נאָר דאָס הילפסמיטל, די מעשה; און ער האָט דאָך געמיינט, אַז מיט דער מעשה וועט ער בעסער איינקריצן אין זכרון פון דער אוידיטאָריע זיינע אייגנטלעכע געדאַנקען. דער אינהאַלט איז אין דעם פאַל פאַרלוירן געגאַנגען. אַ סימן, אַז דער רעדנער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. נישט אָפּגעהיטן די נויטיקע פּראָפּאָרץ און צופיל קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אוידיטאָריע אויף דער מעשה.

אַ פּאָר ווערטער נאָך — וועגן צ י ט אַ ט ע ס.

ציטירן הייסט פ אָ ר ל יי ע נ ע ן זאַצן. געדאַנקען פון אַנדערע

רעדנער, געלערנטע אָדער באַוווּסטע מחברים. דאָס ציטירן ווערט באַנוצט, אי כּדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון אייגענעם געדאַנק, אי כּדי צו פּאָלעמיזירן מיטן קעגנער, בכלל גענומען, איז ציטירן אַ שווערער, האַמעטנער מיטל. מען קאָן נישט ציטירן פון קאָפּ. מוז מען ברענגען אָנגעשריבענע זאַצן און זיי דורכלייענען. אָבער דאָס נעמט צו באַ דער רעדע די לייכטקייט, דעם שווונג, די מעלה פון שאַפן אויפן שטעל. מיר ווייסן שוין, אַז אַ רעדע, באַ אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען, מאַכט אַ גרעסערן איינדרוק, וואָס מער זי זעט אויס ווי אימפּראָוויזאַציע, ווי אוממיטלבאַרער אויסגוס פון געפילן און געדאַנקען. ציטאַטעס אָבער, באַזונדערס גרויסע ציטאַטעס, דערוועקן באַם צוהערער אַ באַרעכטיקטן חשד, אַז די רעדע איז זאָרגזאַם צוגעגרייט געוואָרן, אַז זי איז דורכן רעדנער איינגעקנעלט! די ציטאַטע איז, אַקוראַט ווי דער וויץ אָדער די מעשה, אַ זייטיקער עלעמענט אין דער רעדע. אָבער בעת אַ וויץ, אַ מעשה זענען לייכטער שטאָף, און גיבן דער אוידיטאָריע די מעגלעכקייט אָפּצורוען, נישט פאַרלירנדיק דערבײַ דעם קאָנטאַקט מיטן אינהאַלט פון דער רעדע — איז די ציטאַטע געוויינטלעך אַ שווערערער. אַלנפאַלס נישט קיין לייכטערער שטאָף, ווי די רעדע גופא — און נאָכפאָלגן אויפמערקזאַם נאָך דער געלייענטער ציטאַטע איז זיכער נישט קיין אָפּרו. בויען אַ רעדע אויף ציטאַטעס איז דעריבער לכתחילה אַ שלעכטער צוגאַנג. מ'דאַרף שוין זיין גאָר אַ גוטער רעדנער, כּדי זיך רעכט אַן עצה געבן מיט ציטאַטעס. מיט ציטאַטעס באַנוצן זיך אין זייערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען טעאָרעטיקער, וויסנשאַפטלער, סכאָלאַסטיקער און... אָנפאַנגער, קיינמאָל אָבער נישט קיין געניטער רעדנער.

און אויב שוין יאָ ציטאַטעס, איז קודם-כּל פון ווערק אָדער שאַפונגען, וואָס זענען אַלגעמיין באַקאַנט, וואָס זענען אַ שם-דבר און רופן אַרויס צו זיך גרויס דרך-ארץ. למשל, — ציטאַטעס פון דער תורה אויף אַ פאָלקס-מיטינג, וווּ דער רוב עולם איז אַ רע-ליגיעזער. דאָ איז נישט פאַראַן דער מאָמענט פון פאַרויס צוגע-גרייט זיך, ווייל קענען די תורה איז אַן אָנגענומענע זאַך באַ דעם רעליגיעזן עולם. דער רעדנער וועט נאָך דערמיט אַרויסרופן צו

זיך אַ גרויסן דרך־ארץ, ער איז אַ קענער אין די קליינע אותיות־לעך. אָדער, לאָמיר זאָגן, ציטירן מאַרקס: די אַלגעמיין באַקאַנטע באַנגבאַרע זאַצן, וועלכע זענען שוין כמעט געוואָרן פּלי־ווערטלעך, וועלכע גיבן קורצע, בולטע, קרעפטיקע פאָרמולעס פאַר דעם אָדער יענעם געדאַנק.

ס'זענען אָבער פאַראַן רעדנער, וואָס האָבן ליב זיך נעמען צו־הילף ביכלעך און מחברים צופעליקע, זעלטן וועמען באַקאַנטע. זיי מיינען, אַז זיי וועלן צוליב דעם אָנגיין בײַ דער אוידיטאָריע פאַר גרויסע קענער. זיי האָבן אַ ביטערן טעות. די אוידיטאָריע וועט זיך נאָר לאַנגווײַליקן און וועגן רעדנער וועט זי אַרויסטראָגן אַ גאַנץ הארבן און כשר־פאַרדינטן אורטייל.

XII.

שפּראַך, דיאַלעקט, שטימע

עס איז איבעריק צו זאָגן, וואָס פאַרא גרויסע באַדייטונג עס האָט פאַרן רעדנער די שפּראַך, דער ריכטיקער בוי פון זאַץ, די פעיקייט קלאָר צו פאָרמולירן די געדאַנקען א. א. וו. אָבער אַלגעמיינע כּללים איז אין דעם פּרט שווער צו פאָרמולירן, ווייל די שפּראַך באַם רעדנער איז ווי סטיל באַם שרייבער — באַזיצט עמיצער אַן אייגענעם אופן פון רעדן, פון ווירקזאַם רעדן, מעג ער זיך נישט רעכענען מיט קיין כּללים.

פונדעסטוועגן — אייניקע באַמערקונגען. ערשטנס, איז באַם רעדן לחלוטין נישט נייטיק זיך נוהג צו זיין אַזוי ווי בעתן שרייבן. דאָס קאָן אַמאָל זיין גאָר אַ חסרון. באַם שרייבן מוז אַלץ זיין אויסגעדריקט דורך ווערטער, יעדער זאַץ דאַרף זיין פאַרענדיקט גראַמאַטיקאַליש. דאָס הויפּטוואָרט, דאָס בייוואָרט — אַלץ דאַרף זיין אין אַ פעסטגעשטעלטן סדר. נישט אַזוי זענען זיך מענטשן נוהג אין געשפּרעך: דער אויסדרוק פון פּנים, די אינטאָנאַציע, די האַנט-באַוועגונגען פאַרבייטן גאַנץ אָפט, און מיט דערפאָלג, דעם ריכטיקן בוי פון זאַץ. ווען עמיץ וואָלט אין געשפּרעך געוואָלט זיך האַלטן שטרענג באַ דער גראַמאַטיק — וואָלט דאָס רעדן אַרויסגעקומען געקינצלט, אָנגעצויגן, נישט נאַטירלעך. אַן עפנטלעכע רעדע איז אין דער הינזיכט גיכער ענלעך צו אַ געשפּרעך, איידער צו אַ געדרוקט ווערק. פאַרבייטן אַ וואָרט, אָדער אפילו אַ גאַנצן זאַץ מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער האַנט-באַוועגונג, איז אין אַ רעדע נישט נאָר דערלויבט, נאָר אפילו געוווּנטשן. דאָס איז אַ גוטער מיטל

עפעס א ו נ ט ע ר צ ו ש ט ר ײ כ ן, אויסדריקן באַציונג צום געזאָגטן. ווי ווירקזאַם ס׳קאָן זײַן אַזאַ האַנט־באַוועגונג, קאָן מען זיך איבער־צײַגן אין טעאַטער, נאָכקאָנטראָלירנדיק די זשעסטן פון אַ גוטן אַרטיסט אויף דער בינע. אין שרײַבן קאָנט איר נישט אָפּערירן מיט פּויזעס. דאַקעגן אין רעדן איז די ריכטיקע אָנווענדונג פון פּויזעס איינס פון די פײַנסטע מיטלען צו זײַן וואָס אויסדרוקספו־לער.

דאָ איז כדאי צו פאַרצײַכענען אַ פעלער, וועלכער ווערט געמאַכט אפילו דורך גאַנץ געניטע רעדנער: דאָס רעדן אין איין אָטעם, אָן פּונקטן! ס׳באַקומט זיך ווי אַ זעלנערישער בריוו, וועל־כער לייענט זיך געוויינטלעך פון אָנהייב ביזן סוף מיט איין אָטעם. דאָס מאַכט איינטאָניק די רעדע, ס׳איז פשוט פיזיש שווער צו הערן. אין אַ רעדע פאָדערט זיך וואָס מער פּונקטן. קורצע, אָפּגע־האַקטע זאַצן.

אַ רעדנער דאַרף זיך באַמיִען צו באַנוצן זיך וואָס מער מיט בילדער, בײַשפּילן. דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז ס׳איז ווייניק צו ברענגען אַן אַלגעמיין בילד, אָדער בײַשפּיל, ס׳איז ווייניק, למשל, צו ברענגען אַ בײַשפּיל פון מיטלאַלטער און זאָגן, אַז דעם פּויער האָט זיך זייער שלעכט געלעבט. דער רעדנער דאַרף דעם בײַשפּיל דעטאַלירן. וואָס מער איינצלהייטן ער וועט דערציילן, אַלץ בולטער וועט ווערן דאָס בילד, אַלץ איינדרוקספולער דער בײַשפּיל. דעטאַ־לירן — הייסט פאַראינטערעסירן. איינצלהייטן, באַזונדערס פון לעבנס־שטייגער, גיבן צו פאַרב, קלאָר, מאַכן דאָס בילד לעבעדיק און פאַרשטענדלעך.

בײַ דער גאַנצער בילדערישקייט פון דער שפּראַך, דאַרף דער רעדנער אויסמײַדן גוזמאדיקע אייגנשאַפטסווערטער. בכלל ווערן רעדנער אָפט געשטרויכלט אויף אָט די אייגנשאַפטסווערטער. עס טשעפּעט זיך צו אַזאַ ווערטל און מ׳קאָן פון דעם נישט פּטור ווערן. מען פילט געוויינטלעך אַליין נישט, ווי מען גיט צו דאָס פּאַטאַלע אייגנשאַפטס וואָרט צו יעדן קעגנשטאַנד, אַזוי אַז ס׳באַ קומט זיך נישט קיין בילד, נאָר אײַנפאַך אַ שאַרזש! די נייגונג צו שטאַרקע אייגנשאַפטס ווערטער איז אַ פאַרשטענדלעכע: דער רעד־

בער וויל וואָס שנעלער אַ וואָס שטאַרקערן איינדרוק מאַכן! אָבער באַ אַ מיסברויך פאַרלירט זיך די פּראָפּאָרץ, די מאָס. דאָס אייגנשאַפטוואָרט דערהרגעט דאָס הויפּטוואָרט! פּונקט ווי אַ בילד אויפן לייוונט. פאַרבן גיבן צו לעבן, איינדרוק, רייץ. אָבער צופיל מאַכט אומקלאָר, פאַרטונקלט. די פאַרב האָט דערהרגעט דעם אינהאַלט.

דער רעדנער דאַרף זיך היטן פאַרן „דאָס". דער „דאָס" מאַכט אָפט קאַליע די בעסטע רעדע. אָנשטאָט אָנצורופן דעם איינקעגנשטאַנד באַם נאָמען, באַצייכנט מען אים מיט „דאָס". איינמאָל איז עס נישט קיין אומגליק. אַ צווייט מאָל איז נאָך אויך צו פאַרטראָגן. גייט אָבער אַוועק אַ סדרה „דאָס"ן, — איז ביטער־גאַל. דער „דאָס" וואַרפט זיך אין די אויגן דער אוידיטאָריע. דער „דאָס" ווערט דער לייט־מאָטיוו פון דער רעדע. די קאָמישע סטרונע באַם צוהערער איז אויפגעוועקט — און די גאַנצע רעדע איז פאַרפאַלן.

פאַראַן נאָך אַנדערע אַזעלכע „געפערלעכע" ווערטלעך, וואָס פּלאָנטערן דאָס רעדן. וועגן זיי לאָזט זיך זאָגן דאָסזעלבע, ווי וועגן דעם „דאָס". יעדער רעדנער מוז וויסן, וואָסער ווערטל מאַכט אים אַזוי צו זאָגן אַ טויט. די עצה איז — נישט מאַכן זיך כלא ידע, נאָר פאַרקערט, אַריינלייגן אַ ביסל אַרבעט, כדי פון דאָזיקן דעפעקט פּטור צו ווערן.

די וויכטיקסטע זאַך איז, אַז די שפּראַך זאָל זיין נישט קיין געקינצלטע, אַ פרייע, אַ נאַטירלעכע. אָפט טרעפט מען מענטשן, וואָס צווישן זיך רעדן זיי גוט, לייטיש, פּשוט. שטייען זיי אָבער אויף דער טריבונע, נעמען זיי זיך בלאָזן, זוכן אויס, ווי אומישנע, די משונהדיקסטע ווערטער, רעדן אַ „לשון", וואָס פאַרווונדערט זיי אַליין, אוודאי קומט אויס אין עפנטלעכן רעדן זיך באַנוצן מיט באַגריפן, וועלכע ווערן פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק געברויכט אין טאָג־טעגלעכן שמועס. פאַר דידאָזיקע באַגריפן זענען אומפאַרמיידלעך ספּעציעלע ווערטער. מ'קאָן דידאָזיקע ווערטער פון אַ רעדע נישט אַרויסוואַרפן, און מען דאַרף עס גאָרנישט. אָבער פון באַנוצן דידאָזיקע אומפאַרמיידלעכע אויסדרוקן ביז רעדן מיט

אַ געשוואָלן לשון, וואָס איז אַ חוזק פון אַ מענטשלעכער שפּראַך, — איז אַ גרויסער מהלך.

באַזונדערס אויף דער פּראָווינץ טרעפן זיך אַ סך בעלנים דווקא צו רעדן מיט הויך „קאָנגרעס־לשון״. אָבער נישט ווייניק „פּראָווינ־צער״ איז פאַראַן אויך אין די גרויסע רעזידענץ־שטעט. ס׳טרעפט אויך, אַז די שפּראַך ווערט געקינצלט נישט נאַטירלעך צוליב דעם, וואָס דער רעדנער וויל זיך עפּעס ספּעציעל צופּאַסן צו דער אַרבע־טער־אוידיטאָריע, ער מיידט אויס צו רעדן מיט זיין געוויינטלעכער שפּראַך, ער וויל זיין „פאָלקסטימלעך״. נישטאָ קיין ערגערער פע־לער. דער עולם האָט אַן אויער פאַר אַזעלכע זאַכן. די אוידיטאָריע דערפילט זיך באַליידיקט · די „פאָלקסטימלעכקייט״ טייטשט זי אויס אַזוי, אַז דאָס ווייזט דער רעדנער אַרויס צו איר גרינגשע־צונג, קוקט אויף איר פון אויבן אַראָפּ.

די שפּראַך דאַרף אויך זיין וואָס ריינער פון פרעמד־ווערטער. וואָס פּשוטערע ווערטער. אַ רייכן קאָמפּליצירטן אינהאַלט אויס־דריקן מיט איינפאַכע ווערטער — דאָס איז אַ קונץ.

אַלס מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק האַלטן אַנדערע רעדנער דאָס אויסרעכענען אַלע ווערטער, וואָס באַדייטן איין און דעם זעלבן באַגריף. יעדער ניי וואָרט ברענגען זיי אַרויס אַלץ מיט מער פּאַטאָס, מיט מער באַגייסטערונג, צוויי ווערטער פאַר איין און דעם זעלבן באַגריף איז אַ געוויינטלעך רעטאָריש מיטל, וועל־כעס האָט זיין באַרעכטיקונג. למשל, ווען איר זאָגט: „דער זעלבסט־הערשער פון רוסלאַנד, דער צאַר ניקאָלאַי, דער לעצטער״ — איז עס קאָרעקט. אָבער אויב איר וועט זאָגן: „מוסאָליני דער פאַשיסט, דער אַליין־הערשער, דער נישט־געקרוינטער קעניג פון איטאַליע, דער מאַכט־פאַרכאַפּער, דער בלוטיקער מושל, דער מערדער פון איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס א. אַ. וו. א. אַ. וו. — וועט דאָס זיין איבערגעזאַלצן און האַמעטנע. דער רעדנער דאַרף טאַקע האָבן אַ רייכן אויסוואַל פון ווערטער, אָבער ער טאָר נישט זיין פאַרשווענדעריש אָן אַ מאָס. מיר אַליין איז אויסגעקומען אין ביאַ־ליסטאָק צו הערן אַ גוטן רעדנער, וועלכער האָט זיבן ווערטער,

איינס נאָכן אַנדערן, באַנוצט, כּדי צו באַצייכענען איין באַגריף.

פּונקט ווי ס'זענען פאַראַן אָפּגעריבענע מטבעות, אַזוי זענען אויך פאַראַן אָפּגעריבענע, אָפּגענוצטע ווערטער, און אפילו גאַנצע זאַצן. יעדע מטבע איז אַמאָל געווען ניי און פריש. אָפּגעריבענע ווערטער און אָפּגעבליאַקעוועטע זאַצן האָבן אויך געהאַט זייער יוגנט, זייער בלי-צייט, ווען זיי האָבן באַגייסטערט און געוועקט. זיי זענען אָבער פון צו אָפטן געברויך אַלט געוואָרן, באַנאַל. זיי האָבן שוין אויפגעהערט אַרויסצורופן די אַמאָליקע אַסאָציאַציעס. זיי האָבן זיך דעם עולם צוגעגעסן, זיי זענען ווי פאַרוועלקט געוואָרן. יעדע באַוועגונג האָט אין איר אַרסענאַל אַזעלכע ווערטער און פאַרגלייכן — פון אַמאָל. אָט למשל: „שמידן ווייטער די גאָלדענע קייט", זיין אַ „רינגעלע אין דער רומפּולער קייט", „שפּינען ווייטער דעם פאָדעם — א. אַ. וו. ס'איז גלייכער, דער רעדנער זאָל אַזעלכע אָפּגעריבענע ווערטער ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן.

מיט דער שפּראַך איז ענג פאַרבונדן דער דיאַלעקט פון רעדנער. ס'איז שטענדיק בעסער, אַז צו דער אוידיטאָריע רעדט אַ מענטש, וואָס באַהערשט דעם אָרטיקן דיאַלעקט. אַנדערש גייען ס'רוב פאַרלוירן די באַזונדערס סובטעלע ניואַנסן פון דער רעדע. די ספּעציעלע ווערטער און פאַרגלייכן. חוץ דעם שטרענגט זיך דער עולם אַ סך מער אָן ווי נאָרמאַל, כּדי דעם רעדנער צו פאַרשטיין, באַגלייטן זיין געדאַנקען-גאַנג. בּאַ אונז יידן זענען פאַראַן ס"ה דריי דיאַלעקטן: ליטווישער, פּוילישער, וואָלינער. די נפקא מינה צווישן זיי איז נישט אַזאַ גרויסע, אַזוי אַז אונזערע רעדנער טרעפן זיך לערך זעלטן אָן אויף דערדאָזיקער מניעה.

די ערגסטע זאַך איז, ווען דער רעדנער וויל זיך „צופּאַסן" צום דיאַלעקט פון זיינע צוהערער און נעמט קאַלעטשן און פאַרדרייען די ווערטער. מ'טאָר אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט טון. פיל גלייכער איז, דער רעדנער זאָל רעדן מיט זיין נאַטירלעכן דיאַלעקט. ער ריזיקירט אפשר, אַז געוויסע דעטאַלן פון זיין רעדע וועלן נישט פאַרשטאַנען ווערן. אָבער ס'איז בעסער, איידער קאָמיש צו זיין אין די אויגן פון דער אוידיטאָריע.

עס זענען פֿאַראַן רעדנער, וועלכע האָבן עפּעס אַ ספּעציפֿישן אייגנאַרטיקן שטריך אין זייער אויסשפּראַך. ס'איז נישט קיין באַזונדערער דיאַלעקט. ס'איז אויך נישט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אומאָנגענעם רייצן דאָס אויער. ס'איז פּשוט אַנדערש, ווי געוויינטלעך, עפּעס אייגנס. אַזאַ אויסשפּראַך איז נישט קיין חסרון באַם רעדן, גיכער אַ מעלה. דער רעדנער צייכנט זיך דערמיט אויס פֿון זיינע באַרוף־קאָלעגן. די אוידיטאָריע ווייסט שוין פֿון דער אייגנאַרטיקייט און וואַרט אויף איר, ווי אויף אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. ס'איז אין דעם פֿאַראַן דער עלעמענט פֿון אינטימקייט, וואָס פֿאַרבינדט דעם רעדנער מיט זיינע צוהערער.

ס'וואָלט אָבער געווען פֿאַלש דערפֿון אויסצופֿירן, אַז דער רעדנער דאַרף היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ יעדן פּראָווינציאַליזם אין זיין אויסשפּראַך. אדרבא, מען דאַרף דורך איבונג און אַרבעט זיך באַמיען, וואָס שנעלער צו באַפֿרייען זיך פֿון פּראָווינציאַליזמען.

אויב די שפּראַך איז פֿאַרבונדן מיטן דיאַלעקט — זענען זיי ביידע פֿאַרבונדן און אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פֿון דער שטים פֿון רעדנער, פֿון קלאַנג פֿון זיין קול! אמת, דער קלאַנג פֿון דער שטימע איז אַ נאַטור־זאַך. אָבער מען קאָן רעדן העכער און שטילער, מען קאָן מאָדולירן, ניואַנסירן מיט דער שטימע — מיט איין וואָרט אריינפֿירן אין רעדן פֿאַרשידנסטע אינטאָנאַציעס. מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אינטאָנאַציע קאָן דער רעדנער אונטערשטרייכן דעם טייל רעדע, וועלכן ער האַלט פֿאַר באַזונדערס וויכטיק. מיט דער שטים קאָן ער אויסדריקן פֿאַראַכטונג, אויפֿרעגונג, ליבע, כמעט אַלע געפֿילן, וואָס באַהערשן אים אַליין בעתן רעדן און וועלכע ער וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך איבערגעבן זיינע צוהערער. מ'קאָן נישט זיין קיין גוטער רעדנער, ווען מען לערנט זיך נישט אויס צו אָנפֿירן מיט דער אייגענער שטים.

פֿאַראַן רעדנער, וואָס הייבן גלייך אָן מיט דער העכסטער אָקטאַווע. זיי פֿאַרלירן דורכדעם די מעגלעכקייט מיטן אויפֿהייבן די שטימע אויף אַ טאָן העכער אונטערצושטרייכן אַ באַזונדער וויכטיקן זאַץ אָדער געדאַנק. וייל אַלץ אונטערצושטרייכן הייסט גאָר־

נישט אונטערשטרייכן. בכלל איז אַ הויכע שטימע אַן אויסדרוק פון אַ שטאַרק געפיל, פון אַ הויכער שטימונג. אָבער אָנהייבן גלייך פון דער הויכער שטימונג איז געפערלעך: די רעדע דאַרף שטופנ־וויַיז אַריינפירן דעם זאַל אין דער שטימונג. די העכסטע וויר־קונג דאַרף מאַכן דער סוף. בעת מען הייבט אָבער אָן מיט דער העכסטער שטימע אָדער מיט דער העכסטער שטימונג, איז אייגנ־טלעך שוין מער נישטאָ וואָס צו זאָגן: דאָס וויַיטערדיקע קאָן שוין בלויז אָפּשוואַכן דעם אָנהייב. אין די ביכער וועגן רעטאָריק ווערט געבראַכט זייער אַ כאַראַקטעריסטישער ביַישפּיל פון אַזאַ פע־לער: דער באַרימטער רעדנער און פּריידיקער מאַססאַליאָן האָט זיַין הספּד איבערן קערפּער פון לודוויק דעם 14־טן אָנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „גאָט אַליין איז נאָר גרויס״! אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט זאָגן נאָך דעמדאָזיקן זאַץ, — איז שוין געווען אימשטאַנד בלויז אָפּצושוואַכן די ערשטע ווערטער. דער אָנהייב האָט אָפּגעטייט די גאַנצע רעדע.

גאַנץ אָפט טרעפט זיך, אַז דער רעדנער אַקצענטירט, שטרייכט אונטער מיט זיַין שטים אַ וואָרט, וואָס פאַרדינט עס להלוטין נישט. פאַראַן, למשל, רעדנער, וואָס שטרייכן אונטער דאָס גאָרנישט וויכ־טיקע איבערגאַנגס־וואָרט „אַז״, אָדער די ווערטער „אַזוי אַרום״, „אַלזאָ״, „וואָס״; ווו עס קומט צו אַזאַ וואָרט, ווערט די שטים באַם רעדנער שטאַרקער, טראַגישער, פול מיט עקספּרעסיע א. א. וו. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי אַזאַ דיסהאַרמאָניע קאָן ווירקן.

אַ רעדע דאַרף אָנגעהויבן ווערן מיט אַ נישט צו הויכער און נישט צו נידעריקער שטים. זי דאַרף זיך אַלס כלל אָנהייבן רויק. ערשט דאַן האָט דער רעדנער די פולע מעגלעכקייט צו מאַנעווירן אין ביידע ריכטונגען — העכער און נידעריקער — מיט זיַין שפּראַך־אָרגאַן. די העכסטע טענער, די העכסטע באַגייסטערונג דאַרפן קומען צום סוף רעדע. ס׳איז זייער וויכטיק, דער רעדנער זאָל ביז׳ן סוף איינהאַלטן די אויסערלעכע רויקייט. אויסערלעכע רויקייט באַ אינערלעכער באַגייסטערונג — וועלכע שפּירט זיך אין דער שטים און אין די ווערטער — מאַכט דעם גרעסטן איינדרוק.

פאַראַן נאָך אַ מאָמענט, צוליב וועלכן ס'איז געפערלעך אָנצו־הייבן אַ רעדע גלייך מיט אַ הויכער שטים: דער קלאַנג פון דער אייגענער שטים האָט אַ טבע צו פאַרשיכורן דעם רעדנער, אַוועקצו־טראָגן אים אין וועלט פון פאַנטאַזיע... וואָס העכער די שטים, אַלץ שטאַרקער דידאַזיקע נאַרקאָטישע ווירקונג. דאָס איז, אגב, איינע פון די סיבות, פאַרוואָס נישט דערפאַרענע רעדנער, אָנפאַנ־גער, וואָס גלייבן נאָך אַליין נישט אין זייערע כּוחות, רעדן גע־ווייגטלעך נישט נאַטירלעך הויך. אָבער פאַרן געניטן רעדנער, וועלכער ווייסט, וואָס ער וויל, וווהין ער גייט — איז דאָס נישט דערלאָזבאַר.

מען דאַרף נאָך דאָ צוגעבן, אַז הויך און שטיל רעדן זענען אויך נישט קיין אַבסאָלוטע באַגריפן. אין אַ גרויסער אוידיטאָריע קאָן הייסן שטיל געוועדט דאָס, וואָס אין אַ קליין זאַלעכל וואָלט הייסן פשוט געשריגן. דער רעדנער דאַרף תּמיד אויסרעכע־נען זיין שטים לויט דער גרויס פון זאַל — צופּאַסן די שטים צום זאַל. אמת, ס'זענען פאַראַן רעדנער, וועלכע האָבן פון דער נאַטור אַזאַ שטים, אַז זיי קאָנען נישט שטיל רעדן — פּונקט ווי ס'זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס קאָנען נישט באַם גאַנצן ווילן רעדן הויך. אָבער אין די גרענעצן פון דער אייגענער שטים קאָן יעדע־רער דאָך רעדן העכער און שטילער, — און אויף אַנוי פיל האָט דאָס געזאָגטע אַ שייכות צו יעדער שטים.

הויך רעדן איז אַמאָל אַ פעלער, אַמאָל אַ מעלה — ווי מיר האָבן געזעען. שרייען אָבער איז קיינמאָל נישט קיין מעלה, איז שטענדיק נישט נאַטירלעך. שרייען האָט אין זיך אַ מאָמענט פון ה י ס ט ע ר י ע. פאַראַן רעדנער, וואָס פאַלן נישט באַמערקטערהייט אַריין אין אַ געשריי. וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס קאָן האָבן אויף דער אוידיטאָריע, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן: אין בעסטן פאַל וועט אַזאַ רעדנער אַרויסרופן צו זיך מיטלייד: „האָט ער זיך הייגט געריסן, ס'איז געוועזן אַ רחמנות צו קוקן". זאָל גאָט קיינעם נישט שטראָפן מיט אַזעלכע רחמנות־געפילן...

פאַראַן אויך אַזעלכע שטימען, וועלכע טויגן זיך לחלוטין נישט פאַר עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. ס'רוב איז עס, ווען די שטים

הארמאָנירט נישט מיטן אויסערלעכן אויסזען פון רעדנער. למשל, ווען אַ הויכער, גוט־געבויטער דערוואַקסענער מאַן פאַרמאָגט אַ דין קינדעריש קולכעל, אָדער ווען אַ מאַנספאַרשוין רעדט מיט אַ פרויען־שטים. די קלאַנגען, וואָס דערהערן זיך אין אַזעלכע פאַלן פון דער טריבונע, זענען אַזאַ דיסאָנאַנס צו דעם, וואָס מען דערוואַרט, אַז קיינער הערט שוין נישט, וואָס דער רעדנער רעדט. אַלע זענען אונטערן איינדרוק פון פענאָמען. אַנדערע צוהערער, ווייניקער דיסציפּלינירטע, קאָנען זיך נישט איינהאַלטן פון געלעכטער.

מענטשן מיט אַזאַ שטימען־פעלער דאַרפן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אויב זיי האָבן די אַנדערע נייטיקע אייגנשאַפטן דערצו. זיי דאַרפן בלויז קיינמאָל נישט רעדן אין דער פרעמד (אין אַ פרעמדער שטאָט), אָדער פאַר אַ פרעמדער אודיטאָריע. באַ זיך אין פאַריין, באַ זיך אין קלוב, בכלל דאָרט וווּ אַלע קענען אים, אין אַן אודיטאָריע, וועלכע איז שוין צוגע־וווינט צום שטים־קאָנטראַסט — קאָן אַזאַ רעדנער אַרויסטרעטן אפילו מיט גרויס דערפאָלג. איז נאָר זיין שטים נישט קיין איבערראַשונג פאַר די פאַרזאַמלטע, קאָן דער עולם זיך צוהערן צו זיינע ווער־טער און אויספירונגען, אַקוראַט ווי ווען ער וואָלט גערעדט מיט אַ נאָרמאַלער שטים. איך האָב אַליין געהערט אין אַ גרעסערער פּראָ־ווינץ־שטאָט אַזאַ רעדנער. ער איז געווען פאָרזיצער פון אַ וואַל־מיטינג, אויף וועלכן איך בין אַרויסגעטרעטן. איך בין געשפּרונגען פון דער הויט, איך האָב געמיינט, אַז דער עולם וועט זיך קייקלען פון גע־לעכטער, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. קיינער האָט נישט גע־לאַכט, קיינער איז נישט געווען איבערראַשט, און ער האָט אפילו געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן דערפאָלג. כ'האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, אַז דער רעדנער, אַ בוי־אַרבעטער, איז איינער פון די באַליבטסטע אַרבעטער־טוער אין ש אָט. אַ צווייט מאָל איז מיר אָבער אויסגעקומען צו הערן דעם זעלבן רעדנער אין וואַרשע. דער איינדרוק איז געווען אַ שרעקלעכער, אַ פאַטאַלער!

אַ גוטער שפּראַך־אָרגאַן, אַ גוטע שטים איז אַ מתנה פון דער נאַטור. אָבער דער רעדנער קאָן די דאָזיקע מתנה שנעל אָפּנוצן, פאַרנאַכלעסיקן, און ער קאָן זי דורך פלייס און זאָרג פאַרפיי־

נערן, פֿאַרבעסערן. ס'איז אַ באַקאַנטער פֿאַקט, אַז נאָך אַ גרויסער װאַל־קאָמפּאַניע זענען כּמעט אַלע פּאָליטישע רעדנער הייזעריק. אָבער אַרטיסטן, זינגער, וועלכע עס קומט אויס אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַרויסצוטרעטן, וועלכע באַנוצן זיך אָוונט נאָך אָוונט מיט זייער שטים אין משך פֿון לאַנגע מאָנאַטן — ווערן נישט הייזעריק. די סיבה איז נישט נאָר דאָס, וואָס דעם רעדנער קומט אויס אַרויסצוטרעטן אָפּט אין די אומגינסטיקע אויסערלעכע באַדינגונגען, בעת דער אַרטיסט טרעט אַרויס אין טעאַטער־זאַל, וועלכער איז פֿון לכתּחילה געבויט און איינגעאָרדנט מעגלעכסט באַקוועם פֿאַר זיינע אַרויסטרעטונגען. דער הויפּט־אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס אַרטיסטן און זינגער היטן אָפּ זייער שטימע, באַגייען זיך מיט איר לויט אַלע כּללים פֿון היגיענע, בעת דער רעדנער לייגט געווייטלעך זייער ווייניק אַכט אויף זיין שפּראַך־אָרגאַן. ס'איז איבעריק אָנצוווייזן, ווי וויכטיק ס'איז פֿאַר אַ רעדנער צו באַזיצן אַ ריינע, נישט פֿאַרמאַטערטע, נישט הייזעריקע שטימע. אַ רעדנער, וואָס האָט דרך־ארץ צו זיין באַרוף און צו דער אודיטאָריע, דאַרף דעריבער ווי ווייט מעגלעך זאָרגן פֿאַר זיין שטים. דאָס איז נישט קיין קאַקעטעריע, ווי אַנדערע דאַכט זיך.

לאָמיר אונטערפֿירן אַ שטיקל סך־הכּל. די שפּראַך פֿון רעדנער דאַרף זיין אַ בילדערישע. דעם רעדנער טאָר נישט פֿעלן קיין ווערטער, קיין אויסדריקן, קיין פֿאַרגלייכן. די אויסשפּראַך דאַרף זיין אַ נאַטירלעכע, נישט געקינצלטע, מעגלעכסט אָן פּראָווינציאַליזמען. דער זאַץ דאַרף זיין געבויט קורץ, מעגלעכסט אַ סך פּונקטן. נישט מיסברויכן מיטן ביי־וואָרט צום שאָדן פֿון הויפּט־וואָרט. די שטים אַ ריינע, נישט פֿאַרמאַטערטע, בויגעוודיק און רייך אין ניואַנסן, אין אינטאָנאַציעס.

אַלע אַרומגערעדטע פֿעלערן פֿון שפּראַך, דיאַלעקט און שטימע, אַ חוץ, נאַטירלעך, דעם געבוירענעם קלאַנג פֿון קול, לאָזן זיך אויסבעסערן. דערצו זענען נייטיק דריי זאַכן: אַרבעט, אַרבעט און נאָכאַמאָל אַרבעט!

XIII.

פאַרלעזונג אָדער רעפעראַט

דער בוכשטעבלעכער טייטש פון וואָרט פאַרלעזונג — איז אַ רעדע, וואָס ווערט פאַרגעלייענט. בײַ די דייטשן — פון זיי שטאַמט דאָס וואָרט — איז נאָך עד היום פאַרבליבן צוויי באַגריפן: פאַרלעזונג — אַ געלייענטע רעדע און פאָרטראַג — אַ רעדע, וואָס ווערט נישט געלייענט. בײַ אונדז זענען די ווערטער פאַרלעזונג, פאָרטראַג, רעפעראַט אָדער עפנטלעכע לעקציע — כמעט ווי גלייכבאַדייטנדיקע.

אַ פאַרלעזונג איז אַ רעפעראַט, אָדער אַ לעקציע אויף אַ פאָרויסבאַשטימטער און עפנטלעך באַקאַנטער ט ע מ ע. דער עולם, וואָס פאַראינטערעסירט זיך מיט דער טעמע און קומט הערן די פאַרלעזונג, איז שוין נישט סתם אַן עולם. אין איר מערהייט באַשטייט דאָן די אודיטאָריע פון מענטשן, וועלכע די טעמע אינטערעסירט, ד. ה. זיי האָבן וועגן איר שוין געלייענט, געהערט, געטראַכט. אויב די טעמע ווערט פאַר אַזאַ עולם באַהאַנדלט נישט גענוג גרינטלעך, ריין אַגיטאַציאָנסמעסיק — מוז דער עולם זיך פילן אָפּגענאַרט, אַנטוישט — ווי שיין ס'זאָל נישט זײַן די אויסערלעכע פאָרם פון דער געהאַלטענער רעדע. ערנסטער אינהאַלט, טעאָרעטישע באַהאַנדלונג פון דער טעמע אונטערשיידט די פאַרלעזונג פון אַנדערע מינים רעדעס.

צו אַ פאַרלעזונג מוז זיך דער רעדנער באַזונדערס גוט צוגרייטן. ער מוז וויסן ווי געהעריק דעם קעגנשטאַנד, באַהערשן די טעמע. אָבער מען דאַרף זיך קיינמאָל נישט שטעלן די אויפגאַבע

„אויסצושעפּן" די טעמע, ערשטנס, איז דאָס סיי ווי אוממעגלעך;
צווייטנס, איז כּמעט אומפאַרמיידלעך צו ווערן דערביי לאַנגווייליק.
די אוידיטאָריע שענקט נישט אַזאַ עוולה. ס'איז אויך נישט נייטיק
דער רעפערענט זאָל דווקא אַנטדעקן נייע וועלטן, ברענגען נייעס,
גאָר קיינעם נישט באַקאַנטן מאַטעריאַל. וואָס עס פאָדערט זיך
אומבאַדינגט פון רעפערענט, איז: ער זאָל האָבן זיין אייגענעם
צוגאַנג צו דער טעמע, ער זאָל האָבן זיין אייגענע דורכגע-
טראַכטע טעזע, וועלכע ער באַמיט זיך צו באַווייזן מיט זיין
פאָרלעזונג. אַן אייגענע טעזע הייסט נישט, אַז זי דאַרף זיין דווקא
אַן אָריגינעלע, עפּעס אַ ניי-אַנטדעקטע. ס'קאָן זיין אַ פרעמדער גע-
דאַנק, אָדער אַן אַלגעמיין באַקאַנטער קוק, וועלכן דער רעפערענט
מאַכט פאַר זיין אייגנס און באַמיט זיך מיט דער פאָרלעזונג אים
צו באַווייזן. למשל: אַ פאָרלעזונג „קולטור און די אַרבעטער-
מאַסן" קאָן זיין געבויט אויף דעם ווייט נישט נייעם געדאַנק, אַז
יעדער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוציר-אופן איז פאַרבונדן מיט אַנ-
דערע קולטור-ווערטן, אָדער אַ פאָרלעזונג „אַנטשטייונג פון ר'עלי-
גיע" — קאָן אַרויסגיין פון דער טעזע, אַז נישט די רעליגיע באַ-
שטימט דעם לעבנס-שטייגער פון די מאַסן, נאָר דער רעליגיעזער
גלויבן איז אַליין אַ פּראָדוקט פון דעם לעבנס-שטייגער. מיר נע-
מען בכּיוון אַזעלכע איינפאַכע ביישפּילן, כּדי בעסער קלאָר מאַכן,
וואָס מיר מיינען, ווען מיר זאָגן, אַז דער רעפערענט מוז האָבן
זיין אייגענע טעזע. די טעזע איז דער רוקן-ביין פון דער פאָרלע-
זונג, אַרום איר דאַרף גרופּירט ווערן דער גאַנצער מאַטעריאַל און
אַלע באַווייזן. זי דאַרף דורכגיין, ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע
טיילן פון דער פאָרלעזונג ביזן סוף. פאַרמאָגט נישט די פאָרלע-
זונג אַזאַ הויפּט-טעזע, איז אייגנטלעך נישטאָ דער „פאַרוואָס",
אָדער דער „צוליב וואָס" די פאָרלעזונג ווערט געהאַלטן. ס'איז
דאַן נישט קיין פאָרלעזונג, נאָר סתּם אַ זאַמלונג מאַטעריאַלן.

ערשט ווען דער רעדנער האָט גוט דורכגעקלערט און באַ-
אַרבעט די הויפּט-טעזע, וועלכע ער וויל דערווייזן, אָדער פאַרטיי-
דיקן מיט זיין פאָרלעזונג — דאַרף ער זיך נעמען גרייטן צו דער
פאָרלעזונג גופא, אויסאַרבעטן אַ געבוי, אַ דעטאַליזירטן פּלאַן פון

דעם רעפעראַט — איז נישט שטענדיק אַ מעלה. בעסער איז, ווען דער רעדנער צייכנט זיך אָן בלויז די טעזיס, ד. ה. די הויפּטגעדאַנקען פון זיין פאָרלעזונג, דעם סדר, דעם אָנהייב, און דאָס שלוס-וואָרט. בײַ אַזאַ מין צוגרייטונג איז דער רעדנער נישט אַזוי „געבונדן", ווי בײַ אַ גענויעם פּלאַן, עס בלייבט מער פּלאַץ און מעגלעכקייט פאַר שעפערישער אינטויציע.

דער צוהערער דערוואַרט נישט פון רעפערענט קיין אימפּראָוויזאַציע, קיין עקספּראָמט. פאַרקערט — ער ווייסט פון לכתחילה, אַז די פאָרלעזונג איז אַ רעזולטאַט פון אַ סאָלידער צוגרייטונג מצד דעם רעדנער. דאַרף טאַקע דער רעדנער פון אָנהייב אָן אַזוי רעדן, אַז ער זאָל אימפּאָנירן דער אודיטאָריע נישט מיט דער שפּראַך אָדער שטימע, נאָר דווקא מיט וויסן, מיט דער גרינטלעכער באַהאַנדלונג פון דער טעמע. אגב, איז די פאָרלעזונג דער איינציקער מין רעדן, וווּ ציטאַטעס קאָנען ברענגען נוצן. טאַקע צוליב דעם, וואָס אין דער פאָרלעזונג נעמט אויס נישט אַזוי די אימפּראָוויזאַציע, ווי דאָס גרינטלעכע, סאָלידע באַהאַנדלען פון קעגנשטאַנד. אין זייער געוווּנטשן, אַז דער צוהערער זאָל וויסן נישט בלויז דעם נאָמען פון רעפעראַט, נאָר ער זאָל נאָך פאַר דער פאָרלעזונג זיך באַקענען מיט די טעזיסן פון רעפעראַט. דאָס העלפט דעם צוהערער אַקטיוו נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון רעפעראַט, קאָנטראָלירן דעם רעדנער, אַזוי צו זאָגן מיטמאַכן דעם איבערגאַנג פון איין טעזיס צום צווייטן א. אַ. וו. קורץ: דאָס שאַפט די אַקטיווע באַטייליקונג פון דער אודיטאָריע, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט שוין אין די פריִקע קאַפּיטלעך. אַמבעסטן איז, ווען אויף דער איינטריטס-קאַרטע גופא ווערן אָפּגעדרוקט דער נאָמען פון רעפעראַט און די טעזיסן צו אים. אַז נישט, דאַרפן די טעזיסן זיין אויפגעשריבן אויף אַ טאָוול לעבן דער בינע מיט גרויסע, קענטיקע, לעזבאַרע אותיות.

פאַרן אָנפאַנגער, וועלכער וויל זיך ערשט איינאיבן אין דער קונסט פון האַלטן פאָרלעזונגען, איז זייער ראַטזאַם אָנצוהייבן פון רעפעראַטן איבער דורכגעלייענטע ביכער. אַזעלכע רעפעראַטן זענען אַ גוטע שול; דער אָנפאַנגער האָט דאָ דעם מאַטעריאַל באַ-

גרעניצט און צונויפגעקליבן אין אַ בוך, וועלכן ער קען שטענדיק נאָכאַמאָל איבערקוקן און קאָנטראָלירן. ער וועט זיך אויסלערנען צו האָבן אַן אייגענעם צוגאַנג צום בוך (טעזע), צו צעגלידערן די טעמע אויף באַזונדערע טיילן (טעזיסן), און דערנאָך, אויפן סמך פון אינהאַלט פון בוך, מיט דער הילף פון ציטאַטעס צו באַגרינדן און באַווייזן זיין גרונט־געדאַנק אין אַ קלאָרער, פאַרשטענדלעכער פאָרם — וועט ער האָבן געמאַכט דעם ערשטן און וויכטיקסטן טריט אויפן וועג צו ווערן אַ רעפערענט.

באַם אויסאַרבעטן די טעזיסן, ד. ה. דעם סדר פון די געדאַנקען, וועלכע דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן אין רעפעראַט, קאָן מען גיין מיט צוויי וועגן: מען קאָן בויען דעם רעפעראַט אַזוי, אַז די הויפּט־טעזע זאָל זיין דער מיטן, דער צענטר, און פון אַלע זייטן, פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן ווערט זי אַנאַלידירט און באַטראַכט, און יעדער טייל פאַרענדיקט זיך מיט דער פעסטשטעלונג פון דער וויכטיקייט פון דער טעזע. דאָס איז איין אופן. געוויינטלעך ווערט אָבער באַנוצט אַ צווייטער אופן: קודם קומט אַ הקדמה, וואָס פירט אַריין דעם צוהערער אין געגנשטאַנד; דאַן אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק, איינער פליסט אַרויס פון צווייטן, איינער איז אַ לאָגישער פועל־יוצא פון צווייטן, ביז דער רעדנער קומט אויף אַזאַ אופן צו צו דער הויפּט־טעזע — צום שלוס פון דער פאָרלעזונג. וועלכן אופן דער רעפערענט זאָל אויסקליבן, איז שווער צו באַשטימען פון פאָרויס. ס'ווענדט זיך אין דער טעמע, אין די פעיקייטן און אייגנשאַפטן פון רעדנער א. אַ. וו.. לייכטער און פשוטער איז דער צווייטער וועג. דער ערשטער קאָן אָבער אַמאָל זיין אַ סך עפעקטפולער. איינער פון די בעסטע יידישע רעפערענטן אַ. ליטוואַק האָט מיר מיט יאָרן צוריק דערציילט, אַז ער באַנוצט זיך אָפט מיטן ערשטן אופן פון בויען דעם רעפעראַט. און ער האָט דעם אופן אָנגערופן: „קאָנצענטרירטע אַטאַקע פון אַלע זייטן אויף דער טעמע".

אָבער באַ דעם אַלעם דאַרף מען געדענקען, אַז אַ פאָרלעזונג איז אויך אַ רעדע, און דעריבער איז אַלץ, וואָס מיר האָבן אין די פאָריקע קאַפּיטלען געשריבן וועגן דער רעדע בכלל — האָט אַ

געוויסע שייכות איך צו דער פאָרלעזונג. בלויז וואָס דאָ דאַרפֿן
די אַלערליי כּללים אָנגעווענדט ווערן אויף אַ באַשטימטן אופֿן, צו־
געפּאַסט צום ספּעציפֿישן מין רעדן, וואָס [illegible]ט פֿאָרלעזונג.

XIV.

מאַסן־מיטינג

אַ מאַסן־מיטינג איז אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין אייגנטלעכן, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. פון אַלע מינים רעדעס, איז די רעדע אויף אַזאַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג די פשוטסטע און גלייכצייטיק די שווערסטע. אַלץ, וואָס מיר האָבן געשריבן וועגן רעדן בכלל, האָט קודם־כל אַ שייכות צו דער רעדע אויף אַ מיטינג. דער מיטינג איז פונקט דער היפוך פון אַ פאָרלעזונג. דער רעדנער איז דאָ נישט קרעמפירט מיט קיין שום פון פאָרויס געמאָלדענער טעמע, מיט קיינע טעזיסן. ער האָט בלויז איין אויפגאַבע — זיין וואָס איינדרוקפולער, וואָס שטאַרקער באַאיינפלוסן די אוידיטאָריע לטובת דעם ציל, אָדער דעם אידעאַל, וועלכן ער דינט. דער עולם, וואָס קומט צו אַ מאַסן־מיטינג, איז דער געוויינטלעכער דורכשניט־מענטש פון אַ גאַנץ־יאָר. ער קומט הערן דעם רעדנער דאָס רוב אַ גלייכגילטיקער, אין בעסטן פאַל אַ נייגעריקער, אָבער ווייט נאָך נישט אַקטיוו פאַראינטערעסירט, און אוודאי נאָך נישט קיין אָנהענגער פון דעם, וואָס דער רעדנער פריידיקט, אָדער דערווייזט. כדי די רעדע זאָל זיין ווירקונגס־פול, דאַרף זי קודם־כל זיין צוגעפאַסט, אי לויטן אינהאַלט, אי לויט דער פאָרם, צו דער אוידיטאָריע; דער רעדנער דאַרף זיין באַקאַנט לכל־הפחות מיט די עלעמענטאַרע כללים פון מאַסן־פסיכאָלאָגיע און זיי דיסקאָנטירן אין זיין רעדן. אויף מאַסן־מיטינגען טרעפן זיך אָפט נישט דערוואַרטעטע שטערונגען, אַלערליי סיורפריזן. דאַרף אַ רעדנער אויף אַ מאַסן־מיטינג — מער ווי אומעטום — האָבן אַ קאָפּ אויף די פלייצעס, זיך קאָנען

געפינען אין יעדער סיטואַציע. אַ „קאַלטער” רעדנער וועט קיינמאָל אויף אַ מאַסן־מיטינג נישט אויסנעמען. אַמבעסטן איז, ווען עס פּאַרט זיך האַרמאָניש אַ געזונטע, אייזערנע לאָגיק מיט אַ גליענדיקן הייסן טעמפּעראַמענט. אַזעלכע רעדנער זענען אמתע מייסטער, זיי קאָנען די אוידיטאָריעווירקלעך פירן אין פייער און אין וואַסער.

אין ערגעץ שפּילט נישט די פּערזאָן פון פּאַרזיצער אַזאַ גרויסע ראָלע, ווי אויף אַ מאַסן־מיטינג. דער געניטער רעדנער, אַז ער דאַרף אין אַ פּרעמדער שטאָט אַרויסטרעטן אויף אַ מיטינג, פרעגט ער זיך קודם כל, ווער וועט זיין פּאַרזיצער אויף דעם מיטינג. דער פּאַרזיצער מוז זיין אַ פּערזאָן, וואָס איז באַליבט, באַקאַנט און פּאָפּולער צווישן די צוהערער. ער מוז פאַרמאָגן גענוג אויטאָריטעט, זיין וואָרט אָדער באַמערקונג זאָלן מאַכן אַן איינדרוק. ער דאַרף קאָנען זיין קאַלטבלוטיק, ער מוז באַזיצן טאַקט. די קלענסטע טאַקטלאָזיקייט פון פּאַרזיצער קאָן אויפרייסן אַ מאַסן־מיטינג. ווען דער פּאַרזיצער הייבט זיך נאָר אויף פון אָרט, דאַרף דאָס שוין ווירקן ווי אַ התראה פאַרן עולם.

אויף אַ מאַסן־מיטינג דאַרף דער רעדנער שטענדיק זיין צוגעגרייט דערויף, אַז ס׳קאָנען אַרויסטרעטן אָפּאָנענטן. פאַר דער זאַך גופא איז עס אָפּט אפילו געווונטשן. דער רעדנער מוז דאָן אין זינען האָבן, אַז ער וועט נאָך דאַרפן האַלטן אַ שלוס־וואָרט. ער דאַרף דעריבער נישט אויסשיסן גלייך דעם גאַנצן פולווער. ער דאַרף עפּעס וואָס רעזערווירן פאַרן שלוס: אַ באַזונדערס טרעפלעכן פאַרגלייך, אַן אַלעגאָריע, אַ בילד. ער דאַרף אויך געדענקען, אַז דער לעצטער איינדרוק איז דער שטאַרקסטער — און זיך נישט באַגנוגענען אין שלוס־וואָרט בלויז מיט פּאָלעמיק קעגן די אָפּאָנענטן.

פאַר דעם מיטינג־רעדנער איז באַזונדערס ריכטיק די עצה פון באַרימטן פּוילישן מאָלער סטאַניסלאַוו וויטקיעוויטש: „באַטראַכטן אַן ענין דאַרף מען קאַלטבלוטיק, רויק, אָבער דערזייען, איבערצייגן — מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט, וואָס מען פאַרמאָגט אין זיך”. אין דעם ליגט דער וויכטיקסטער סוד פון דערפאָלג אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אויפן מאַסן־מיטינג האָט דער רעדנער פאַר זיך אַ גלייכגילטיקן, וואַכעדיקן עולם, — און זיין וואָרט דאַרף דעם

עולם אָנצינדן, באַגייסטערן. אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ וועג דער רעדנער קלויבט אויס: ביסלעכווייז, פון פאַרשידענע עקן, פון עטלעכע זייטן אונטערצולייגן ברענשטאָף, וועלכער זאָל זיך ענדלעך פונאַנדערפלאַקערן; וואַרפן פון דער בינע אין עולם אַריין לאָזונגען, וואָס בריען ווי שטיקער פייער, וואָס שטורמען די קאַלטבלוטיקייט און רויקייט; אַליין זיך אויף דער בינע פונאַנדערפלאַקערן, עס זאָלן פונקען שפריצן אין אַלע זייטן; אַלץ איינס — דער תּנאי איז שטענדיק דערזעלבער: אַליין זיין וואָס שטאַרקער באַגייסטערט וואָס מער צעפלאַמט.

XV.

די פֿאָלעמישע רעדע

די פֿאָלעמישע אַרויסטרעטונג פֿאָדערט פֿון רעדנער קודם־כּל, ער זאָל קאָנען... הערן!

דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס. צוהערן און אַרייַנטראַכטן זיך אין דעם, וואָס דער קעגנער זאָגט, אויפֿכאַפּן פֿון זיין רעדן נישט בלויז איינצלנע ווערטער, וועלכע זענען די „בעסטע", ווי עס דאַכט זיך, כּדי אים צו צעקלאַפּן, נאָר פֿאַרשטיין זיין גאַנצן געדאַנקען־גאַנג, תּופֿס זיין דעם קעגנער — דאָס איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך. ס'זענען פֿאַראַן זייער ווייניק אַזעלכע, וואָס קאָנען ווירקלעך ה ע ר ן, וואָס דער אָפּאָנענט זאָגט. און דעריבער איז אַזוי ווייניק פֿאַראַן גוטע פּאָלעמיסטן, אַפֿילו צווישן גוטע רעדנער.

קאָנען גוט הערן איז נישט לייכטער, ווי קאָנען גוט רעדן...

צו אָפֿט פֿאַרוואַנדלט זיך די פּאָלעמישע רעדע אין אַ פּשוט אָפּשפּעטן פֿונם קעגנער. מען כאַפּט אַרויס פֿון דעם אָפּאָנענטס רעדע אַן אויסדרוק, אַ וואָרט, אַ געדאַנק, וואָס אַרויסגעריסן פֿון גאַנצן קאָנטעקסט, גיבן זיי אַ לייכטע מעגלעכקייט אויסצולאַכן אים — און מען שטעלט פֿאַר דער אוידיטאָריע די רעדע פֿונם אָפּאָנענט אין אַ פֿלאַכער, ד. ה. פֿאַלשער פֿאָרם. אַזאַ מעטאָד פֿון פּאָלעמיזירן מאַכט שטענדיק אויף דער אוידיטאָריע אַ שלעכטן איינדרוק. באַזונדערס, ווען דאָס איז אין שלוס־וואָרט. ד. ה. ווען דער אויסגעלאַכטער אָפּאָנענט האָט שוין קיין שום מעגלעכקייט נישט צו ענטפֿערן. די אוידיטאָריע האָט געווייַנטלעך זייער אַ גוט אויער פֿאַר אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, און אין 90 פֿאַלן פֿון 100

ווען אירע סימפּאַטיעס זיין פּאַקטיש אויף דער זייט פון באַוואָלטן אָפּאָנענט, אפילו ווען אויסערלעך, מאָמענטאַל וועט די „קוועלן" פון „וויציקן" שלוס־וואָרט! און אין 90 פאַלן פון 100 באַנוצט זיך דער רעדנער מיטן דאָזיקן ביליקן פּאָלעמישן מעטאָד נישט דער־פאַר, וואָס ער איז על־פּי טבע אַ דעמאַגאָג, וואָס ער וויל באַוווּסט־זיניק פאַרדרייען די רייד פון קעגנער, נאָר ער באַניצט פּשוט נישט די פעיקייט צו הערן דעם אָפּאָנענט, ער איז נישט מסוגל זיך אַריינצוטראַכטן אין יענעמס געדאַנקען־גאַנג.

אַלזאָ — אויסלאַכן דעם קעגנער אויף אַזאַ אופן איז נישט קיין ווירקזאַמער און נישט קיין דערלאָזבאַרער פּאָלעמישער מיטל. אָבער פאַלש וואָלט געווען דער אויספיר, אַז מיר זאָגן זיך אַרויס בכלל קעגן הומאָר און וויץ אין דער פּאָלעמישער אַרויסטרעטונג. יעדער פּאָלעמיסט ווייסט די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון אַ גוטן וויץ, פון געלונגענע הומאָריסטישע פיילן. אָבער ערשט ווען דער רעד־נער פאַרשטייט דעם געדאַנקען־גאַנג פון אָפּאָנענט און אַטאַקירט וויציק און מיט הומאָר טאַקע דעם עיקר פונם קעגנערס מיינונג, און נישט סתם אַ נישט געלונגענעם אויסדרוק — ערשט דאַן האָט עס די געהעריקע ווירקונג. אין ערשטן פאַל רופט מען אַרויס באַם קעגנער אַ פאַרביסנקייט, אַ כעס, אַ קריצן מיט די ציין, אין צווייטן פאַל צווינגט מען דעם קעגנער גופא זיך צו פאַרטראַכטן. די גרע־סטע קונסט פון אַ פּאָלעמיסט איז — ווירקן אויף דער אוידיטאָריע, נישט אויפרייצנדיק דעם קעגנער. זעלטן ווער עס דערהייבט זיך צו אַזאַ מדרגה.

עס טרעפט אָפט, אַז נישט דער רעדנער פאַרדרייט די ווער־טער פונם אָפּאָנענט, נאָר דער לעצטער דריקט זיך אַליין אויס אומקלאָר, פאַרפּלאָנטערט און קאָן נישט געניוי אַנטוויקלען פאַר דער אוידיטאָריע זיין געדאַנק. אויך אין אַזעלכע פאַלן וועט דער פּאָלעמיסט, וואָס קאָן הערן, פאַרשטיין דעם גרונט־געדאַנק פון נישט געראָטענעם אָפּאָנענט, און אָנשטאָט אָנצוווייזן דער אוידי־טאָריע אויף דער אומגעלומפּערטקייט, אויף דעם פּלאָנטער אין זיינע רייד, וועט ער אַליין פאַר דער אוידיטאָריע קלאָר מאַכן דעם

הויפּט־געדאַנק פונם אָפּאָנענט — און ערשט נאָכדעם אים צעקלאַפּן!

אַזאַ ריטערלעכקייט וועט זיכער מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף די צוהערער, ווי דאָס פאָרן אויפן לייכטן פערדל פון דעמאַגאָגישער פּאָלעמיק.

די צווייטע אייגנשאַפט פון אַ גוטן פּאָלעמיסט באַשטייט טאַקע אין דעם — ער זאָל קאָנען שנעל זיך אָריענטירן און פאָרמולירן פאַר זיך גופא דעם עיקר פון קעגנערס מיינונג. בפרט, אַז אַ פּאָלעמישע אַרויסטרעטונג קאָן דאָך קיינמאָל לאַנג נישט דויערן. טאָר מען זיך נישט פאַרלירן, צעפּטרן די צייט אויף פּרטים, אויף קליייניקייטן. די הויפּט־אויפגאַבע איז — תיכף אָנכאַפּן דעם אָקס פאַר די הערנער, זיך נעמען צום עיקר.

דער פּאָלעמיסט דאַרף זיך גאָרנישט באַמיען צו ענטפערן אויף אַ ל ץ, וואָס זיין קעגנער האָט געזאָגט. וועלן ענטפערן אויף אַ ל ץ — הייסט אין פאָרויס זיין אין אַ שלעכטער פּאָזיציע; ווייל דאָס באַדייט זיין סטראַטעגיש אָפּהענגיק פון די וועגן, אויף וועלכע עס גייט, אָדער פאַרקריכט דער קעגנער. ס'איז פולשטענדיק גענוג, ווען מען צעקלאַפּט דעם עיקר־געדאַנק, דעם וויכטיקסטן טייל פון קעגנערס רעדע. ס'איז גענוג צו פאַרניכטן דעם פונדאַמענט, כדי דער גאַנצער בנין זאָל אומפאַלן.

פאַראַן פאַלן — ווען דעם רעדנער ל וי נ ט נישט, צוליב די אָדער אַנדערע טעמים, צו ענטפערן אויף אַ געוויסער פראַגע, וועלכע ווערט אים כסדר און פּראָוואָצירנדיק געשטעלט דורך זיינע קעגנער. איך דערמאָן זיך אַ פאַל פון מיין אייגענער דערפאַרונג: ס'איז געווען מיט אַ יאָר 7—8 צוריק, ווען אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט זענען פאָרגעקומען ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס פאַר אָדער קעגן געהערן צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אויף אַ גרויסער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג האָט מען מיך כסדר איבערגעריסן מיט דער פראַגע: „אָבער ענטפערט קלאָר, וועלכע דירעקטיוון וועט איר פאָלגן — פון דריטן אָדער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל?" — די פראַגע איז עטלעכע מאָל בייזוויליק איבערגעחזרט געוואָרן מיט אַ טריומף־מינע מצד מיינע קעגנער. איך האָב געפילט, אַז די

אוידיטאָריע וואַרט אויף דער תשובה, אָבער ענטפערן האָב איך נישט געקאָנט — זייענדיק געבונדן מיט דער דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי. סוף־כּל־סוף, האָב איך אויסגעשריגן: „איר ווילט אַן ענטפער? — יאָ, כ׳קאָן אייך געבן אַ תשובה — מיר וועלן, ווי שטענדיק, זיך אונטערוואַרפן די דירעקטיוון פון יידישן אַרבעטער־קלאַס!" — אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן איז געווען דער ענטפער פון דער אוידיטאָריע אויף דעמדאָזיקן געלונגענעם... אויסדרייען זיך פון צו געבן אַ תשובה. די קעגנער זענען אויך אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון וועג. דער זיכערער זיג האָט זיך זיי אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט.

עס טרעפט, אַז מען האָט קעגן זיך נישט איין קעגנער, נאָר עטלעכע, וואָס באַקעמפן זיך אויך צווישן זיך. דער רעדנער דאַרף דאַן מער זיך אָפּשטעלן אויף דעם פון די קעגנער, וועלכער נעמט מער אויס באַם עולם, אויף דעם, וועלכער איז אין דער געגעבענער אוידיטאָריע דער געפערלעכסטער. מען באַגייט אָבער אָפט אַזאַ פעלער: דער רעדנער לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם אָפּאָנענט — וועלכער פאַרטרעט אַ שוואַכע ריכטונג, הגם אין דער געגעבענער פאַרזאַמלונג איז גראָד דער אָפּאָנענט דער וויכטיקסטער. רעדט מען אין אַ פרעמדער שטאָט, אָדער פאַר אַן אומבאַקאַנטן עולם, דאַרף מען באַ די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרזאַמלונג גענוי זיך אינפאָרמירן וועגן די אַלע זאַכן.

בעת מען האָט קעגן זיך אייניקע אָפּאָנענטן פון פאַרשידענע ריכטונגען — איז גוט, אַז מען קאָן זיי אויסנוצן איינעם קעגן צווייטן.

XVI.

באַריכט-רעפעראַט

יעדער געזעלשאַפטלעכער טוער, יעדערער, וואָס האָט אַ שטיקל שייכות צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווייסט, וואָס פאַר אַן אָרט עס פאַרנעמט דאָס א. ג. „וואָרט צום באַריכט". פון אַ פאַרוואַלטונג-זיצונג פון אַ פראָפעסיאָנעלן פאַריין ביזן לאַנד-קאָנגרעס פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, פון אַ קליינער לאָקאַלער גרופע-פאַרזאַמלונג ביז אַ פאַרטיי-צוזאַמענפאָר. פון אַ ראַט-זיצונג פון אַ פאַרטיי-קעמערל ביז אַ פלענום פון אַ צענטראַל-קאָמיטעט — אומעטום הייבט מען אָן פון אַ ב אַ ר י כ ט: דער באַריכט-רעפעראַט און די דיסקוסיע אַרום אים פאַרנעמען גאָר אַ בכבודיק אָרט.

אויב מען וואָלט צונויפגערעכנט, וויפיל צייט עס ווערט פאַרווענדט אין אַ באַוועגונג אויף דידאַקטיקע באַריכט-ווערטער, וואָלט מען זיכער געקומען צום רעזולטאַט, אַז דערדאַזיקער מין רעדן איז דער פאַרשפּרייטסטער און קאָסטבאַרסטער (אין צייט, נאַטירלעך).

און דאָס איז די אייגנטלעכע סיבה — און נישט די ספּעציפישקייט פון דעם מין רעדן — וועלכע האָט אונז באַוויזן אויסצוטיילן דעם באַריכט-רעפעראַט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל און מאַכן אַ פּרוּוו אים צו אַנאַליזירן. ס'האַנדלט זיך נישט אַזוי אין פאַרשענערן די פאָרם פון באַריכטן, נישט אין מאַכן זיי איינדרוקספולער — נאָר פשוט אין איינשפּאָרן צייט! בײַ דער קאָלאָסאַלער

צאָל באַריכטן קאָנען אפילו קליינע פאַרבעסערונגען איינשפּאָרן אַ סך, גאָר אַ סך צייט.

אַ באַריכט-רעדנער דאַרף דאָס טאַקע האָבן אין זינען. און ער דאַרף געדענקען, אַז פון דעם, ווי אַזוי ער בויט זיין באַריכט, איז אָפּהענגיק נישט נאָר ז יי ן צייט, נאָר אויך — וויפיל צייט עס וועט פאַרנעמען די דיסקוסיע אַרום באַריכט און זיין שלוס-וואָרט.

אַ באַריכט דאַרף אוודאי נישט דורכלאָזן קיין שום זאַך פון ב אַ ד יי ט ו נ ג — ער טאָר אָבער אויך נישט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רשימה פון אַלע קלייניקייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער באַריכט-צייט. בעסער דורכצולאָזן איין וויכטיקן פרט — איידער איבערצולאָדן דעם באַריכט מיט אַ סך נישט וויכטיקע פּרטים.

דער באַריכט טאָר נישט זיין בלויז אַ מין פּראָטאָקאָל פאַר דעם באַריכט-פּעריאָד. וואָס נאָענטער דער באַריכט איז צו אַזאַ פּראָטאָקאָל, אַלץ ווייניקער אינטערעסאַנט וועט ער זיין. דער באַריכט-אָפּגעבער דאַרף זיך גוט באַקענען מיט זיין מאַטעריאַל און אים ס י נ ט ע ט י ש ב אַ אַ ר ב ע ט ן. דאָס הייסט: געפינען די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן און דערשיינונגען, דעם אַ. ג. רויטן שנור פון אַרבעט, און אויף דעם גרונד אָנצייכענען די פּערספּעקטיוון פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט. די פאַקטן דאַרף מען שוין דערנאָך גרופּירן אַזוי, אַז זיי זאָלן ד ע ר וו יי ז ן די ריכטיקייט פון דער הויפּט-ליניע, דעם סינטעז, וואָס ער מאַכט, און די פּערספּעקטיוון, וועלכע ער צייכנט אָן.

דער באַריכט-אָפּגעבער, ווי געזאָגט, דאַרף זאָרגן אויך וועגן דער דיסקוסיע אַרום באַריכט. קודם-כל איז פון אים אָפּהענגיק אין אַ געוויסער מאָס אַלנפאַלס, צי ס'וועט זיך בכלל קאָנען אַנטוויקלען אַרום באַריכט אַ מיינונג-אויסטויש. ווי אָפט הערט מען באַריכטן, וואָס אַפילו דער גאָר נאָענטער מענטש קאָן זיך שווער אין זיי אָריענטירן, מען ווערט פּשוט פאַרלוירן אין וואַלד פון איינצלהייטן; ס'איז נישטאָ באַ וואָס אָנצוכאַפּן און פאַרקניפּט אַ דיסקוסיע — ווייל ס'פעלט אַ סדר, עס פעלט דער אייגענער צוגאַנג פון רעפערענט, זיינס אַ באַלויכטונג, אַן אָפּשאַצונג. אין אַזעלכע פאַלן — אויב ס'אַנטוויקלט זיך שוין יאָ אַ דיסקוסיע, ווערט זי געפירט

אויסשליסלעך פון די באַגנטסטע מיטאַרבעטער פון דער קאָלעגיע, צו װעלכער דער רעפערענט געהערט. דער גאַנצער עולם אָבער שװייגט און קוקט, װי „די געטער קריגן זיך צװישן זיך". עס איז זייער אַ פּיינלעכע לאַגע.

און אַמאָל געשעט באַ אַזאַ לאַגע אַ פאַרקערטע זאַך: די דיסקוסיע װערט דװקא אַן אַלגעמיינע. אַלע פאַרשרייבן זיך צום װאָרט. אָבער — די קריטיק איז װי צעשטויבט. די רעדנער שטעלן זיך אָפּ אויף איינצלנע פאַקטן, אויף קליינע עפּיזאָדן, ס'פעלט דאָס גאַנצע. דער אַלגעמיינער בליק א. אַ. װ. אַזאַ קריטיק איז קיינמאָל נישט פּרוכטבאַר. חוץ בייז-בלוט ברענגט זי גאָרנישט. און אין 90 פאַלן פון 100 פאַלט די שולד פאַר אַזאַ גאַנג פון דער דיסקוסיע נאָר אויפן באַריכט-אָפּגעבער. דער שלעכטער באַריכט האָט גורם געװען אַ שלעכטע דיסקוסיע.

גוט איז אין אַזעלכע פאַלן, איינער פון די אָנװעזנדיקע זאָל בכיװן נעמען אַ װאָרט, כדי צו געבן דער דיסקוסיע אַ שטויס אין אַן אַנדער ריכטונג. מיט מוסר-רייד פון פאָרזיצער קאָן מען דאָ גאָר נישט דערגרייכן. דער עולם װעט עס בלויז אויפפאַסן, װי אַן אַטענטאַט אויף זיין פרייהייט פון קריטיק. דער באַריכט-אָפּגעבער אַליין זאָל אין מיטן נעמען אַ װאָרט איז אויך נישט גוט. ער װעט שוין דעם פעלער נישט פאַרריכטן — זאָל ער שוין בעסער װי געהעריק זיך צוגרייטן צום שלוס-װאָרט.

פון באַריכט-אָפּגעבער איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק אויך דער ניװאָ פון דער דיסקוסיע. ער דאַרף באַזיצן די פעיקייט צו לענקען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אוידיטאָריע מער צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען, װאָס האָבן אַ שייכות צום באַריכט, צו די אי-נערלעכע אַנטװיקלונגס-טענדענצן, װעלכע קוקן אַרויס פון די פאַקטן. און דאָ װערט די דיסקוסיע געהאַלטן אויף אַ הויכן ניװאָ, דער קאָלעקטיװער געדאַנק פון דער אוידיטאָריע אַרבעט נישט בלויז אין דער ריכטונג פון אָנװייזן פּראַקטישע אויסבעסערונגען אין דער רעפערירטער אַרבעט, נאָר ער באַמיט זיך צו קומען צו אַל-געמיינע אויספירן פון װיכטיקער טעאָרעטישער באַדייטונג.

דאָס אַלץ קאָן דעם באַריכט מאַכן שטאַרק סוביעקטיװ, אַזוי

צו זאָגן „פּערזענלעך באַפאַרבט“. אוודאי איז אַזאַ סכנה פאַראַן. דער באַריכט-אָפּגעבער דאַרף וועגן דעם געדענקען און טון אַלץ, כדי איינצוהאַלטן דעם מאַקסימום אָביעקטיווקייט אינם איבערגעבן דעם מאַטעריאַל. אָבער אַ סוביעקטיווע באַפאַרבו איז אומפאַרמיידלעך — אויב מען וויל נישט גיין אויפן וועג פון אַ טרוקענעם פּראָטאָקאָל. נאָר דידאָזיקע סוביעקטיווע באַפאַרבונג איז פיל בעסער פאַר דער זאַך גופא און איז אין גרונט-גענומען פיל אָביעקטיווער — ווי די פאַרבלאָזיקייט פון אַ פּראָטאָקאָל-באַריכט. און ס'איז פיל בעסער צו הערן דעם פאָרוואורף: סוביעקטיוו, איידער: נישט אינטערעסאַנט.

דער באַריכט-אָפּגעבער טאָר נישט זיין קיין שוואַרץ-זעער; ער דאַרף האָבן אַן אָפּטימיסטישן קוק אויף דער אַרבעט. מען דאַרף דאָס נישט פאַרשטיין פאַלש: ס'האַנדלט זיך נישט אין דעם, אַז דער רעפערענט מוז שטענדיק שרייען הוראַ און זיין בלינד און טויב אויף אַלע פעלערן. ער דאַרף אָבער *גלייבן* אין דער אַרבעט, וועגן וועלכער ער באַריכטעט. ער דאַרף זען די שוועריקייטן — אָבער זיך נישט פאַרלירן פאַר זיי, נישט ווערן אָפּהענגיק. דווקא ווייל ער האָט אָפענע אויגן פאַר די שוועריקייטן, דאַרף ער באַזונדערס שטאַרק שעצן יעדן קלענסטן דערפאָלג, יעדן טריט פאָרויס. פון דעם קוואַל דאַרף שטראָמען זיין אָפּטימיזם און נישט פון לייכטזין אָדער בלינדקייט. אַזאַ באַריכט-אָפּגעבער וועט זיינע צוהערער אָנשטעקן מיט גלויבן, מיט מוט ווייטער צו אַרבעטן. אַרויסרופן פאַרקערטע שטימונגען — פון אַפּאַטיע, פון גלייכגילטיקייט, פון אומגלויבן אין די אייגענע כוחות — איז נישט קיין שווערע זאַך, אָבער זייער אַ שעדלעכע. אַ באַריכט-אָפּגעבער אַ קלאָג-מוטער איז אַ פאַרלייקענונג פון זיך אַליין!

XVII.

טרויער-רעדע

טרויער-רעדעס זענען נישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג. דאָך האָט יעדע גרויסע באַוועגונג, יעדע פּאַרטיי אירע גרויסע געשטאָרבענע, נאָך וועלכע מען ריכט אָפּ יאָרצייטן. און פרישע טויט-פאַלן קומען אויך פאָר — אַזוי, אַז טרויער-רעדעס זענען אויך אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט.

די היינטיקע טרויער-רעדע איז דער אוממיטלבאַרער יורש פון מיטלאַלטערלעכן הספד איבערן קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם מאָנאַרך, באַרימטן פירשט, אַדעליקן, אָדער סתם גביר, וואָס די משפחה פלעגט נישט שפּאָרן קיין געלט, כדי צו דינגען די באַרימטע הספד-זאָגערס פון יענער צייט. אָבער סאַראַ גרויסע נפקא מינא צווישן אַמאָליקן הספד און דער היינטיקער טרויער-רעדע. קודם-כל איז זי — ווי אַלץ אין אונזערע צייטן — דעמאָקראַטיזירט געוואָרן. אַמאָל פלעגט מען זאָגן הספדים נאָך קיסרים און שררות. היינט האַלט מען טרויער-רעדעס נאָך אַרבעטער און פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס וואָס אויסגעצייכנט. אַמאָל פלעגט דעם הספד האַלטן ס'רוב אַ גייסטלעכער, און פליכט אָדער פאַר אַ פעטער באַלוינונג, און זעלטן ווען אין הספד פלעגט קומען צום אויסדרוק אַן אויפריכטיק געפיל, היינט האַלט די טרויער-רעדע אַ חבר פון פאַרשטאָרבענעם, זיין אידעען-חבר. אַמאָל איז די אויפגאַבע פון הספד געווען צו וועקן באַם עולם געפילן פון ליבע און אונטערטעניקייט צום פאַרשטאָרבענעם הויכן-מאַן און במילא אויך צו זיינע יורשים (אויפן טראָן אָדער אין פּאַ-

דאָלן פּאַלאַץ) ; היינט איז די אויפגאַבע פון אונזערס אַ טרויער־רעדע צו דערמונטערן די צוהערער צום ווייטערדיקן קאַמף פאַר די אידעאַלן פון פאַרשטאָרבענעם.

צוזאַמען דערמיט האָט זיך ראַדיקאַל געביטן אויך דער אופן, ווי די טרויער־רעדע דאַרף געהאַלטן ווערן. אין די הספּדים פון די אַמאָליקע צייטן איז דער עיקר געווען די שיינע אויסערלעכע פאָרם, די בלומענאַרטיקע שפּראַך, די הויכע, אָבער קאַלטע מליצה, די שאַבלאָנמעסיקע פאַרגלייכונגען און משלים. אין אונזער היינטיקער טרויער־רעדע איז אָבער דער עיקר דאָס אויפריכטיקע, אינטימע געפיל, דער גייסט, וואָס באַהערשט דעם רעדנער. איז נישטאָ דאָסדאָזיקע געפיל, וועט די טרויער־רעדע זיין געקינצלט, זיין אַ הספּד. פון דעם אַליין איז שוין קלאָר, אַז אַמווייניקסטן קאָן מען פאַר דער טרויער־ רעדע אָנצייכענען באַשטימטע כללים און פאָרמען : מ'קאָן נישט דאָס אויפריכטיקע, פּשוטע געפיל אויפצווינגען דווקא די און נישט אַן אַנדערע אויסערלעכע פאָרם.

די אויפגאַבע פון אונזער היינטיקער טרויער־רעדע איז, ווי געזאָגט, אַ טאָפּעלע : אויסדריקן טרויער נאָכן פאַרשטאָרבענעם און דינען דורך דער רעדע גופא דעם אידעאַל, פאַר וועלכן דער פאַרשטאָרבענער האָט געלעבט. אַ טרויער־רעדע, וואָס וועט בלויז רעדן וועגן דער פּאַרטיי, צו וועלכער דער געשטאָרבענער האָט געהערט און נישט דערמאָנען וועגן דער פּערזענלעכקייט גופא, וועט אַרויסרופן אַ ווידער־טעם. אַ טרויער־רעדע, וואָס וועט ב ל ו י ז רעדן וועגן דער פּערזאָן פון פאַרשטאָרבענעם און פאַרגעסן וועגן דער צווייטער זייט פון דער אויפגאַבע — וועט נישט דערגרייכן דעם געזעל־שאַפטלעכן ציל. מען דאַרף האַרמאָניש צונויפבינדןביידע עלע־מענטן. אגב, איז אוממעגלעך אין אונזערע צייטן פון פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף, פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען, אַרויס־רופן אַ ווירקלעכן, טיפן דרך־ארץ פאַר דער פּערזאָן פון פאַר־שטאָרבענעם אָן אַן אָנווייזונג אויף דעם אָרט, וואָס ער האָט פאַר־נומען אינם דאָזיקן קאַמף ; און ס'איז פון דער צווייטער זייט אָמ־לייכטסטן אַרויסצורופן באַגייסטערונג פאַרן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל פון פאַרשטאָרבענעם דורך ביישפּילן טאַקע פון פאַרשטאָרבענעמס

פֿרזענלעכן לעבן. ווי אַזוי די טרויער־רעדע זאָל זיין געבויט — צי דורכן געפיל צום פאַרשטאָרבענעם וועקן דאָס געפיל צו זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, אָדער פאַרקערט — דורכן טענטימענט פאַר זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל אַרויסרופן דרך־ארץ פאַר דעם פערזאָן פון פאַרשטאָרבענעם — דאָס איז אַ זאַך, וואָס קאָן נישט באַשטימט ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל. דאָס דאַרף דער רעדנער אַליין פאַר זיך באַשליסן.

אין אַ טרויער־רעדע מוז מען נאָך מער, ווי אין יעדער אַנדערער רעדע, זיין אָפּגעהיטן מיט ווערטער, מיט אויסדריקן. דאָס מינדסטע נישט פּאַסיקע וואָרט צעשטערט די שטימונג, ווירקט זייער שלעכט. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף איינער פון די ערשטע טרויער־פאַרזאַמלונגען נאָכן אומפּאַרגעסלעכן וולאַדימיר מעדעם. איינער פון די רעדנער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דער געשטאָרבענער האָט איבערגעלאָזט אַ לאָך, וועלכן מיר וועלן לאַנג נישט קאָנען פאַרשטאָפּן”. וואָס קאָן מען אייגנטלעך האָבן קעגן דעם געדאַנק, וועלכן דער רעדנער האָט אויסגעדריקט אין דעם פאַרגלייך? גאָרנישט. אָבער מיר אַלע, וועלכע האָבן דאָס געהערט, האָבן זיך געשעמט איינע די אַנדערע אין די אויגן צו קוקן. די גאַנצע אוידיטאָריע האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער רעדנער איז נישט ווילנדיק באַגאַנגען אַ טאַקטלאָזיקייט, אַ געשמאַקלאָזיקייט. פאַרוואָס? ווייל דער באַנוצטער פאַרגלייך איז געווען אַ צו וואָכעדיקער, וווּלגאַרער אין קעגנזאַץ צו דער פייערלעכער טרויער־שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין זאַל.

פאַר אַ טרויער־פאַרזאַמלונג איז וויכטיק אויך די ד ע ק אָ ר אַ־ ט י וו ע זייט. פּרוּבירט פאָרשטעלן זיך אַ טרויער־אַקאַדעמיע אין אַ נישט צוגערוימטן טאַנץ־אָדער באַל־זאַל, ווו אויפן דיל איז נאָך פונאַנדערגעשאָטן סערפּענטין, ווו מען פילט נאָך אינדערלופט דעם ריח פון טאַנצנדיקע פּאָרלעך — און איר וועט באַגרייפן, ווי אַזאַ מין „דעקאָראַציע” מוז אַוועקהרגענען די שטימונג. אַ פּאַסיקער, מיט געשמאַק דעקאָרירטער זאַל פירט גלייך אַריין דעם עולם אין דער געוווּנטשטער שטימונג, ווירקט אי אויפן רעדנער, אי אויפן צוהערער!

ס'איז אפשר אויך נישט איבעריק צומלעצם צו דערמאַנען, אַז אַ רעדנער אויפן קבר אָדער אויף דער ערשטער טרויער־פאַר־זאַמלונג דאַרף זיין אַן אינטימער, נאָענטער פריינט פון פאַרשטאָר־בענעם. אַ זייטיקער, מעג ער ווי גוט רעדן, וועט אין דעם פאַל מאַכן אַ סך שוואַכערן איינדרוק.

XVIII.

דאָס שלוס־וואָרט

קיין שום רעדע פאָדערט נישט אַזאַ עקאָנאָמיע אין צייט — ווי דאָס שלוס־וואָרט. אַ לאַנגע שלוס־רעדע איז כמעט תמיד אַ זיכערער דורכפאַל. דער עולם איז שוין פסיכאָלאָגיש נישט אימ־שטאַנד צו פאַרנעמען לאַנגע רייד. ער איילט זיך אַהיים. ער דערוואַרט פון רעדנער בלויז, ער זאָל באַשטעטיקן דעם סך הכל, וועלכן ער, דער עולם גופא, האָט שוין געמאַכט פון גאַנצן פאַרלויף פון דער פאַרזאַמלונג. טוט דאָס נישט דער רעדנער קורץ און געראָטן — דענערווירט זיך דער עולם און ס'איז אַ דורכפאַל.

דאָס שלוס־וואָרט באַשטייט פון צוויי טיילן: 1) פאָלעמיק — דער רעדנער דאַרף אָפּענטפערן די אָפּאָנענטן, וואָס זענען אַרויס־געטרעטן און 2) ער דאַרף דורכן שלוס־וואָרט ווי פאַרענדיקן זיין ערשטע רעדע, צוגעבן די לעצטע, נויטיקע שטריכן, אונטער־פירן דעם ס"ה, שאַפן די שטימונג, אונטער וועלכער דער עולם וועט זיך פונאַדערגיין.

דער לעזער געדענקט אוודאי אונזערע באַמערקונגען מכוח דער פאָלעמישער רעדע, זיי זענען אינגאַנצן אָנווענדבאַר צום שלוס־וואָרט. כדי צו האַלטן אַ גוטע שלוס־רעדע דאַרף מען קאָנען נישט נאָר רעדן — נאָר אויך הערן!

שלעכט וועט טון אַ רעדנער, וואָס וועט געדענקען בלויז וועגן פאָלעמישן טייל פון שלוס־וואָרט. נישט גוט איז אויך צו טון פאַרקערט. אָבער אויב דעם רעדנער פעלט צייט און ער איז גע־צוווּנגען מקצר צו זיין — איז בעסער צו פאַרבייגן דעם פאָלעמישן

טייל, איידער דעם אייגנטלעכן סוף. וואָרים די לעצטע שטימונג דעציידירט וועגן דערפאָלג פון דער גאַנצער רעדע!

באַם אָנהייב פאַרזאַמלונג האָט דער רעדנער פאַר זיך אַ זאַל פול מיט רעטענישן. האַנדלט ער פּאָרזיכטיק, באַמיט זיך אָנצוטאַפּן די שטימונג. צום שלוס־וואָרט אָבער דאַרף שוין דער רעדנער ק ע ־ נ ע ן די אוידיטאָריע, וויסן אירע שטאַרקע און שוואַכע זייטן. דאַרף ער דאָס אַלץ אויסנוצן, דיסקאָנטירן אין זיין שלוס־וואָרט. דער־פאַר איז ניט גוט (ווי עס פראַקטיקירט זיך, ליידער, גאַנץ אָפט) אַז אַ זייטיקער, נאָר וואָס צוגעקומענער, זאָל האַלטן דאָס שלוס־וואָרט. מעג עס זיין דער בעסטער רעדנער — ריזיקירט ער אריינ־צופאַלן אין אַ קאָנטראַסט מיט דער געשאַפענער שטימונג, צו נע־מען ניט דעם ריכטיקן טאָן. דאָס שלוס־וואָרט דאַרף שטענדיק האַלטן דער רעפערענט גופא; אין ערגסטן פאַל — איינער פון פרעזידיום, וואָס האָט בייגעוווינט די גאַנצע פאַרזאַמלונג.

אין שלוס־וואָרט דאַרף דער רעדנער קיינמאָל ניט באַמיען זיך צו איבערצייגן דעם אָפּאָנענט. מיטן פּנים צו דער אוידיטאָריע! — דאָס איז אַן אַלגעמיינער כּלל, אָבער באַזונדערס וויכטיק איז ער בעתן שלוס־וואָרט. מיר איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו זען, ווי ג ו ט ע רעדנער זענען מיאוס דורכגעפאַלן אין שלוס־וואָרט, און נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן וועגן דעמדאָזיקן כּלל: אָנ־שטאָט רעדן צום עולם, — האָבן זיי זיך פאַרנומען איבערצייגן דעם קעגנער. די אַטמאָספער פון אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג איז פּונקט דער היפּוך דערפון, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַזעלכע פּערזענלעכע איבערצייגונגס־רייד. דאָס איינציקע, וואָס דאַרף דאָ צווינגען דעם קעגנער זיך צו פאַרטראַכטן, איז די שטימונג פון דער פאַרזאַמל־טער מאַסע.

דער רעדנער דאַרף זיין צוגעגרייט אויף צווישנרופן בעתן שלוס־וואָרט, אפילו ווען במשך פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג האָט זיך די אוידיטאָריע פאַרהאַלטן פאַרהעלטנישמעסיק רויק. ס׳האַלט שוין באַם סוף, קיין אַנדער אופן ווי צו רעאַגירן איז נישטאָ, און צווישנרופן רייסן זיך פשוט אַליין פון מויל. זיך ניט לאָזן פּראָ־וואָצירן דורך די צווישנרופן, דאָס איז דער ערשטער און וויכטיק־

סטער כּלל. שטעלט מען נאָר איין פּוס איפן וועג פון פאַרענטפערן די צווישנרופן — איז מען פאַרלוירן! צווישנרופן וועלן זיך דאַן נעמען שיטן, ווי אַ האָגל, און דער בעסטער רעדנער קאָן צעטומלט ווערן. אַלס־כּלל דאַרף, אַלזאָ, דער רעדנער אויף די צווישנרופן נישט ענטפערן. נאָר גיין זיך ווייטער זיין וועג. עס טרעפן אָבער צווישנרופן, וועלכע דער רעדנער דאַרף בפירוש אויסנוצן אין זיין שלוס־וואָרט, זיי פאַסן זיך צו זיין רעדע. גוט איז, אַז מען איז אויף אַזוי פיל רויק, אַז מען קאָן זיך אויסקלייבן פון די צווישנרופן די נייטיקע, כּדי אויף זיי צו ענטפערן. אָבער נאָר דער געניטער רעדנער, וועלכער האָט שוין אויסגעפּרוווט זיינע כּוחות אויף דעם געביט, מעג זיך דאָס דערלויבן.

XIX.

מיין שלוס=וואָרט

מיין אַרבעט איז, אייגנטלעך, פֿאַרענדיקט. באַם שרייבן האָב איך געהאַט פֿאַר זיך נאָר איין ציל: צוהילף קומען דעם יונגן רעדנער מיט עצות פֿון אייגענער דערפֿאַרונג. צי איז עס מיר געלונגען — איז נישט מיין זאַך אָפּצושאַצן. אָבער ווי עס זאָל נישט אויספֿאַלן דער משפּט, טאָר ער נישט זיין צו שטרענג; עס איז די ע ר ש ט ע אַרבעט פֿון דעם מין אין יידיש. און דעם ע ר ש ט ן איז מען דאָך שטענדיק אַ סך מוחל.

אויף אַנדערע שפּראַכן זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע טיפּן רעפֿערענטן=פֿירערס. אין דער דייטשער שפּראַך זענען מיר באַקאַנט אַ האַלב טוץ אַרבעטן אויף דעם געביט, ס'ליגן פֿאַר מיר עטלעכע אַזעלכע אַרבעטן אויך אין דער רוסישער שפּראַך. לכתחילה האָב איך געוואָלט פּשוט איינע פֿון די אַרבעטן איבערזעצן אויף יידיש, אַז מיר נייטיקן זיך אין אַזאַ אַרבעט — האָב איך נישט געצווייפֿלט: ס'איז מיר געווען גענוג צו דערמאָנען זיך וועגן מיינע אייגענע ערשטע טריט אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. איצט, ווען דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿולסירט אומפֿאַרגלייכלעך האַסטיקער, ווי מיט אַ יאָר 20 צוריק, ווען די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג איז אַזוי אויסגעוואַקסן — איז אַזאַ אַרבעט נאָך פֿיל נייטיקער ווי דעמאָלט. מיין ערשטער געדאַנק איז, אַלזאָ, געווען פּשוט איבערצוזעצן אַ פֿרעמדע אַרבעט. אָבער לייענענדיק די פֿאַרשידענע ווערק פֿון דעם געביט, האָב איך געפֿילט, אַז די פֿאָרשריפֿטן און כּללים, וואָס געפֿינען זיך אין די בעסטע פֿון דידאַקטישע ווערק, זענען

אזוי פרעמד און ווייט פון אונזער סביבה, פון אונזער לעבן! יענע מחברים האָבן זיך צוגעפּאַסט גאָר צו אַן אַנדערן עולם, מיט אַנדערע קולטור־השגות, מיט אַנדערע קולטור־געוווינהייטן. הכלל — זיי זענען נישט פאַר אונז.

אזוי זענען אַוועק יאָרן. בײַ מיר אַליין האָט זיך אין משך פון דער צייט אָנגעקליבן אַ היפּשע דערפאַרונג. מײַנע אייגענע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען צייל איך שוין אין די הונדערטער. נאָך מער האָב איך בייגעוווינט — אָדער אַלס פּאָרזיצער, אָדער אַלס באַאַבאַכטער. אָבער דאָס אַליין וואָלט מיר נאָך נישט געגעבן מוט אַרויסצוטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט מיט זעלבשטענדיקער אַרבעט. אַ שטויס דערצו האָט מיר געגעבן דער יוגנט־בונד „צוקונפט“.

אָנהויב 1927 האָט די „צוקונפט“ אײַנגעאָרדנט אין וואַרשע אַ רעפערענטן־שול — און מיך אײַנגעלאַדן צו לייענען אויף דער טעמע פון מײַן איצטיקער אַרבעט. פאַרוואָס זיי האָבן גראָד מיך אײַנגעלאַדן, ווייס איך באמת נישט. איך האָב באַשלאָסן פאַר דערדאָזיקער יוגנטלעכער אוידיטאָריע, צוקונפטיקע רעדנער און טוער, צו לייענען אַ ציקל לעקציעס, געבויט אויף מײַן אייגענער דערפאַרונג. די לעקציעס האָבן בײַ דער אוידיטאָריע אויסגענומען און זיי האָבן מיר טאַקע דערנאָך געדינט פאַרן יסוד פון דערדאָזיקער אַרבעט.

*

כ'פיל, אַז מײַן שלוס האָט זיך שוין פאַרצויגן, וואָס שטימט נישט מיט מײַן אָנווייזונג בנוגע דעם, ווי צו בויען אַ שלוס־וואָרט. אמת, דאָס געשריבענע וואָרט איז נישט דאָסזעלבע, וואָס אַ געזאָגט וואָרט, אָבער סיי אין רעדן און סיי אין שרײַבן דאַרף מען וויסן נישט נאָר ווען אָנצוהייבן, נאָר אויך, ווי באַצײַטנס צו ענדיקן. דערמאָנט אייך דעם פּײַנלעכן אײַנדרוק, וואָס עס מאַכן רעדנער, וועלכע קאָנען נישט באַצײַטנס ענדיקן... אגב, דערמאָן איך זיך טאַקע, אַז איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען דעמדאָזיקן דעפעקט און נישט אָנגעוויזן, ווי זיך אָפּצוגעוווינען פון אים. אָבער דאָס איז מסתמא נישט דער איינציקער דעפעקט פון מײַן אַרבעט. די אַלע, וואָס וועלן זיך מיט דער אַרבעט פאַראינטערעסירן, וואָס וועלן מיר צו

שיקן זייערע באַאָבאַכטונגען אויף דעם געביט, װאָס װעלן מיר אָנ־
װײַזן די דעפעקטן פון מײַן אייגענער אַרבעט — װעל איך זײַן
האַרציק דאַנקבאַר. כ׳האָב געגעבן — װאָס כ׳האָב פאַרמאָגט.

שרודבאָרו, נאָוועמבער

אינהאַלט

1. רעדנער־קונסט אַמאָל און היינט 5—12
2. צי קאָן מען זיך אויסלערנען רעדן? 13—16
3. אַ רעדנער איז נישט סתם אַ „צונג אויף שרייפּלעך" 17—20
4. צו אַ רעדע דאַרף מען זיך גרייטן 21—27
5. וועגן בוי פון אַ רעדע 28—31
6. בוי און אינהאַלט 32—34
7. רעדנער און צוהערער 35—40
8. די אויסערלעכקייט בעת אַן עפנטלעכן אַרויסטרעט 41—48
9. דער רעדנער אויף דער טריבונע 49—55
10. די נאָרמאַלע דויער־צייט פון אַ רעדע 56—60
11. דער וויץ, די מעשה, די ציטאַטע 61—66
12. שפּראַך, דיאַלעקט, שטימע 67—76
13. פאָרלעזונג אָדער רעפעראַט 77—81
14. מאַסן־מיטינג 82—84
15. די פּאָלעמישע רעדע 85—88
16. באַריכט־רעפעראַט 89—92
17. טרויער־רעדע 93—96
18. דאָס שלוס־וואָרט 97—99
19. מיין שלוס־וואָרט 100—102

צענטראלער ביכער-לאגער
„קולטור-ליגע"
ווארשע, לעשנא 40, וו. 11